א. קאמענסקי.

ראָבערט אָווען,

זיין לעבען און געזעלשאפטליכע טהעטיגקייט.

North American Radical Library
Organized 1908 August 2nd

פריי איבערזעצט דורך

א. ברעסלער.

פערלאג „די פראלעטארישע וועלט".

ווארשא, תרס"ז.

Робертъ Овенъ,

Зайнъ лебенъ унъ гезелшафтлихе тетигкайтъ.

т. е. Робертъ Оуэнъ, его жизнь и общественная дѣятельность.

Біографическій очеркъ А. КАМЕНСКАГО.

„Издательская Типографія", Варшава, Панская № 20.
1907.

251

PERTH AMBOY
ORGANIZED
1908
AUGUST 2nd
I.
Radical Library

קינדהייט און יוגענד.

ראָבּערט אָווען איז געבּוירען געוואָרען דעם 14־טען מאַי 1771, אין אַ קליין שטעדטיל ניוטאָן; זיין פאָטער איז געוועזען אַ זאָטעל־מאַכער, דערצו האָט ער נאָך געהאַלטען אין אַרענדע די פּאָסט פון דאָרף און געהאַט פּרנסה בּריוח. די מוטער זיינע איז געוועזען אַ טאָכטער פון אַ קליינעם פערמער אַרום ניוטאָן.

ראָבּערט אָווען איז געוועזען זעהר אַ לעבּהאַפטעס און פעהיגעס אינגעל. נאָך איידער ער איז אַלט געוואָרען פינף יאָהר האָט ער שוין אָנגעהויבּען געהן אין שולע. דער לעהרער איז געוועזען ענטציקט פון זיין נייגעריגקייט אַלץ צו וויסען גרונדליך און שטענדיג צו פרעגען קשיות. צו זיבּען יאָהר האָט שוין דער תלמיד אויסגעלערנט דעם רבּי'נס תורה, אַזוי, אַז דער לעצטער האָט איהם געמאַכט אין שולע פאַר אַ מיטהעלפער; די שטעלע זיינע האָט ער ערנסט ערפילט אין אַ משך פון צוויי יאָהר, און האָט זיך אויף אַזאַ אַרט בּאַלד פון דער יוגענד איינגעוועהנט ניט צו בּעהאַלטען אין זיך די ערוואָרבּענע וויסענשאַפט, ניט צו בּענוגענען זיך דערמיט, וואָס ער אַליין ווייס און פערשטעהט, נאָר צו שטרעבּען אַלץ איבּערצוגעבּען נאָך מענשען, זיי זאָלען אויך וויסען.

אַזוי ווי אַלע קינדער, וועלכע ענטוויקלען זיך פריה, האָט אויך אָווען געהאַט השק צו לעזען בּיכער. ער האָט אַלץ געלעזען מיט גרויס אינטערעס, ניט אָבּערפלעכליך, אַבּי וואָס גיכער צו וויסען די געשיכטע, ער האָט אַריינגעקלערט אין אינהאַלט, אין ציעל פון בּוך און אַלץ איבּערגעקלערט נאָכהער מיט זיין אייגענעם געדאַנק; דאָך האָט ער אין אַ קורצע צייט איבּערגעלעזען אַלע בּיכער פונ'ם דאָרטיגען בּיבּליאָטעקעל, פון דעם קינדערשען בּיכעל „ראָבּינזאָהן קרוזאָ" בּיז די ערנסטע ספרים מיט רעליגיעזע חקירות. ווען ער איז אַלט געוועזען אַ יאָהר 8 האָט ער זיך בּעקאַנט מיט דריי אַלטע פערפרומטע מיידלעך, ווי מען זעהט עס אָפט אין ענגלאַנד,

וועלכע האָבען געהערט צו דער סעקטע „מעטאָדיסטען"*). אָט די מיידלעך האָבען זיך שטארק פעראינטערעסירט מיט'ן קלוגען אינגעל און געוואָלט איהם דוקא מאַכען פאַר אַנ'אָנהענגער פון זייער סעקטע, געבענדיג איהם צו לעזען פיעל בעשרייבונגען מיט א רעליגיעז-זיטליכען אינהאַלט. נאָר — אַ דאנק זיין פריהעריגען אָנלעזען זיך מיט פערשידענע רעליגיעזע ביכער פון פערשידענע סעקטען, און בעמערקענדיג, אַז יעדער אָנהענגער פון אַ געוויסער רעליגיאָן אָדער סעקטע בעמיהט זיך צו בעווייזען, אַז נאָר זיין רעליגיאָן אָדער סעקטע איז די אֱמת'ע און די איבריגע זענען פאַלשע, פול מיט פעהלערען, אַז איין רעליגיאָן פיהלט אַ האַס צו דער צווייטער און אַז צווישען די אָנהענגער פון איין רעליגיאָן און דער צווייטער הערשט אַ שטענדיגע שׂנאה, — האָט זיך אָנגעהויבען צו ערוועקען ביי איהם אין קאָפּ אַ צווייפעל: פיליייכט איז דערין שולדיג ניט דער הלוק פון דער אָדער יענער רעליגיאָן, נאָר דער ערשטער ווארצעל אַליין: די רעליגיאָן בכלל אַן און פאַר זיך. און אַזוי האָט ער אָנגעהויבען צו צווייפלען אין דער גאַנצער מעשׂה: צי איז עס גאָר איננאַנצען אַנ'אֱמת'ע זאַך און צי איז עס נויטיג פאַר מענשען צו האָבען אַנ'אֱמונה.

צווייפלענדיג אין דעם גרונד פון רעליגיאָן, האָט ער שוין געוועהנליך ניט געקאָנט אָננעהמען די רעליגיעזע שיטה פון וועלכע עס איז סעקטע, און איז דעריבער ניט צוגעשטאַנען צו די מעטאָדיסטען.

ביי ר אָ ב ע ר ט'ן איז געווען אַנ'עלטערער ברודער, אויך אַ זאָטעל-מאַכער, וועלכער האָט געוואָהנט אין ל אָ נ ד אָ ן, און צו דעם ברודער האָבען די עלטערן בעשלאָסען איהם אַוועקצושיקען, ווען ער איז אַלט געוואָרען עלף יאָהר. אין זיין אויטאָביאָגראַפיע, בעשרייבענדיג די פאַר יענער צייט וויטע רייזע אויף אַ פאָסט-קאַרעטע, דערצעהלט ער, ווי אַזוי איינער אַ שלעכטער פאַסאַזשיר האָט איהם בשום אופן ניט געוואָלט ערלויבען אַריינצוזעצען זיך אינע-

*) מעטאָדיסטען — איינע פון די פערשפרייטסטע סעקטען אין ענגלאַנד און אַמעריקאַ; דאָס איז אַ אַרט קאַלוואַניסטען, די מעטאָדיסטען אַנערקענען ניט קיין גייסטליכע, פערמיטלער צווישען גאָט און מענש, און דעם אָנגענומענעם בעשטימטען אַרט דאַווענען, נאָר וואָס איינער וויל דאָס דאַרף ער אַליין מיט זיינע ווערטער בעטען.

זווינג, האָטש אַלע זײַנע בײַנער האָבען שוין געציטערט און גע=
שווידערט פאַר קעלט, און ער האָט געמוזט ווײַטער זיצען פון אוי=
בען און לײַדען קעלט. „איך בין געווען נאַכהער צופריעדען — פיהרט
אָ ו ע ן אויס, — וואָס צוליעב דער פינסטערניש האָב איך
ניט געקאָנט זעהן דעם שלעכטען מענשען און מיר איז ניט אויס=
געקומען צו כעס'ען זיך אויף אַ מענשען, וואָס האָט זיך אַזוי מער=
דערליך פערהאַלטען צו אַ יונגעס קינד". דאָ זעהען מיר שוין דעם
צוקינפטיגען אָ ו ע ן, וועלכער האָט געוואָלט אויסוואָרצלען די
שלעכטס פון מענשען דורך שטילע אַרבײַט פון גוטע בײַשפּיעלען.

אָבזײַענדיג בײַ'ם ברודער זעקס וואָכען, איז ער אָנגעקומען
אין אַ געשעפט פון אַ גרויסען שניט־סוחר מ אַ ק־ג ע פ אָ ק אין
סטאַמפאָרד אין דער גראַפשטאַט לינקאָלן. דאָס ערשטע יאָהר האָט
ער געברויכט צו אַרבײַטען אָהן געהאַלט; אויפ'ן צווייטען יאָהר האָט
ער בעדאַרפט בעקומען 80 רובל און אויפ'ן דריטען — 100. אָ ו ע ן
איז אָבגעווען אין דעם געשעפט אַ משך פון דרײַ אָדער פיער יאָהר,
און די צײַט, וואָס ער האָט אין דעם געשעפט פערבראַכט, האָט
געהאַט אַ גרויס בעדײַטונג אויף זײַן גאַנצען לעבענסאַרט און וועלט־
אַנשויאונג.

דאָ האָט זיך אָ ו ע ן אײַנגעאיבט צו פיהרען יעדע זאַך
מיט אַ מעטאָדישע אָרדנונג, וועלכעס האָט איהם נאַכהער פיעל גע=
נוצט, נאָר אַם וויכטיגסטען איז געווען פאַר איהם דאָס, וואָס בײַ
זײַן ווירטה האָט זיך געפונען אַ רײַכע ביבליאָטעק, מיט וועלכער
ראָבערט האָט זיך געקאָנט פרײַ בענוצען; די אַרבײַט אין קראָם
איז געווען פערהעלטניסמעסיג לײַכט, פון 10 אין דערפריה ביז 4
בײַטאָג, אַזוי, אַז ער האָט געהאַט 5 פרײַע שעה צו פערנעהמען
זיך מיט לעזען. הינטער'ן שטאָדט איז געווען אַ גאָרטען, און זײַן
גרעסטער פערגניגען איז געווען צו שפּאַציערען זומער אין די שאָ=
טענדיגע אַלעען און קוקען אין אַ בוך. „איך האָב איבערגעשריבען
אין אַ העפט — דערצעהלט ער אין זײַנע ערינערונגען — פיעל
פון די זיטליכע לעהרונגען פון דעם טאַגע־בוך פון'ם אַלטען רוי=
מישען פילאָזאָף ס ע נ ע ק א. און מײַן בעסטער פערגניגען איז גע=
ווען דאָ אין גאָרטען צו קלערען איבער זיי".

ווען עס האָט זיך געענדיגט זײַן טערמין אַלס לעהרען־אינ=
גל, האָט ער פערלאָזט סטאַמפאָרד; הגם דער ווירטה האָט איהם

געוואָלט ווײַטער האַלטען, ראָבּערט האָט זיך אָבּער געפֿיהלט ענג אין דעם קלײנעם שטעדטיל, איהם האָט זיך געוואָלט אָנקוקען די גרויסע וועלט, און ער איז אַוועק נאָך לאָנדאָן.

אין לאָנדאָן איז ער אָנגעקומען אין אײנעם פֿון די גרעסטע שניט־געשעפטען פֿון שטאָדט אונטער דער פֿירמא פֿלינט און פּאַלמער. אָווען האָט דאָ בּעקומען 250 רובּל געהאַלט אויף אַלעם פֿאַרטיגען און האָט זיך געהאַלטען פֿאַר אַ „גביר“, דערפֿאַר אָבּער איז די אַרבּײַט דאָ געווען אַ שווערע. די מענשען פֿון געשעפֿט האָבּען געמוזט קומען 8 אין דער פֿריה און אין סעזאָן־צײַט האָט מען געאַרבּײַט בּיז 2 בּײַנאַכט. דערצו האָט זיך נאָך געפֿאָדערט צו שטעהן אין געשעפֿט פֿערפּוצט מיט דער גאַנצער דאַמאָלסדיגער פֿאָרמע; „דאָס ראַזירען זיך איז געווען דאַן אײנע פֿון די וויכטיגסטע זאַכען — דערצעהלט אָווען, — מיר איז אויסגעקומען צו וואַרטען מײַן רײַהע פֿון פֿאַר טאָג אָן, אום דער פֿריזירער זאָל מיך אָנפּודערן, בּעגיסען מיט פּאָמאַדע, פֿערקאַמען די האָר און בּרענגען אין אָרדנונג דעם צאָפּ. אָט די נאַרישע מאָדעס האָט מען געמוזט שטרענג אָבּהיטען און אַנדערש האָט מען זיך ניט געטאָרט בּעווײַזען פֿאַר די קונים“.

אום צו האָבּען אַ בּיסעל פֿרײַע צײַט אויף צו פֿערנעהמען זיך מיט גײַסטיגע אַרבּײַט, האָט ער פֿערלאָזט די שטעלע און איז אָנגעקומען אין מאַנטשעסטער אויך אין אַ שניט־געשעפֿט, וואו ער האָט געדאַרפֿט ווייניגער צײַט אַרבּײַטען. דורך די ווירקונג פֿון די דורכגעלעזענע ספֿרים פֿון פֿערשיעדענע רעליגיעזע סעקטען, — ווי עס זעהט אויס, לויט אײניגע ערטער פֿון זײַן אויטאָבּיאָגראַפֿיע, — האָט זיך שוין דאַן בּײַ איהם פֿעסט אײַנגעוואָרצעלט די איבּערצײַגונג, בּײַ וועלכער ער האָט זיך געהאַלטען דאָס גאַנצע לעבּען, אַז דאָס ציעל פֿון דער מענשהײַט אויף דער וועלט איז ניט אָבּצוזונדערען זיך אין פֿערשיעדענע פֿעלקער, נאַציאָנען, רעליגיאָנען און סעקטען, וואָס זאָלען האַסען אײנע די אַנדערע, — נאָר זי מוז שטרעבּען דערצו, אַז יעדער מענש זאָל זיך פֿיהלען און האַלטען פֿאַר אַ מיטגליעד פֿון דער גאַנצער מענשהײַט, און אַלע מענשען, אָהן אונטערשיעד פֿון גלויבּען, מײנונג און פֿיהרונג, זאָלען לעבּען, ווי בּרידער, אין פֿריעדען, אַהדות און ליעבּע.

אַ געוויסע ערציהונגס־בּעדײַטונג האָט געהאַט פֿאַר אָווענ׳ען

דער פאקט, וואס אין זיינע יונגע יאהרען איז איהם אויסגעקומען צו האבען פערקעהר מיט פערשיעדענע קלאסען מענשען. אין סטאמ־פארד זענען די קונים בעשטאנען פון רייכע גוט־בעזיצער, ווי מען רופט עס, ערד־אריסטאקראטיע; אין דער לאנדאנער קראם, וואו ער האט געארבייט, פלעגען קומען קויפען ארבייטער און קליינע בעלי־בתים; אין מאנטשעסטער האט אווען זיך שוין בעגעגענט אין קראם אי מיט סוחרים, אי מיט פאבריקאנטען, אי מיט אינ־דוסטריעלע ארבייטער; עס פערשטעהט זיך, אז ביי זיין געבוירע־נעם גייסט צו בעקלערען, בעטראכטען און איבערצודענקען יעדע געוועהנליכע זאך, וואס איינפאכע מענשען זעהען אין איהר ניט מעהר ווי דאס, וואס ליגט פארטיג פאר זייערע אויגען, האט ער זיך שוין דאן ערווארבען פיעל ערפאהרונג אין לעבען, בעקאנט זיך מיט די זיטען און דעם האראקטער פון פערשיעדענע קלאסען מענ־שען און דאס האט איהם געגעבען שטאף אריינצוקלערען אין דער פראגע וועגען דעם, וואס דאס מענשליכע געשלעכט איז צוטיילט אויף נידריגע און העכערע קלאסען, און נאכצופארשען, צי דאס איז א נאטור־געזעץ, וועלכעס מוז בלייבען שטענדיג, אדער דאס קומט אפשר נאר פון צופעליגע סבות, וועלכע מען קען פערניכטען.

אווען איז אבגעוועזען אין געשעפט ביז ער איז אלט גע־ווארען 18 יאהר. צו יענער צייט האט ער זיך בעקאנט מיט איי־נעם א בעל־מלאכה מיט'ן נאמען דזשאנס. דער דאזיגער דזשאנס האט איהם דערצעהלט פון די ניי־ערפונדענע וואונדערליכע מאשי־נען צו שפינען באוועל, וועלכע מען האט דאן אנגעהויבען איינ־צופיהרען אין די נייע פאבריקען (1789־טען יאהר), און אז ער פיהלט זיך אימשטאנד צו מאכען אזא מאשין. ער האט פארגעלעגט אווענ'ען צו מאכען מיט איהם שותפות, אויב אווען וועט אריינ־לעגען אין געשעפט 1,000 רובל.

ביי יעצטיגער צייט זעהט עס, געוועהנליך, אויס זעהר א קליינע סומע פאר אזא ארט געשעפט; אבער אין יענער צייט, באלד ווי עס האבען זיך אנגעהויבען צו ענטוויקלען די שפינוואל־פאבריקען, זענען פיעל מאל פארגעקומען אזעלכע פאקטען, וועלכע לאזען זיך יעצט ניט גלויבען. ראבערט האט בעשלאסען צו ווע־רען א שותף אין דער אונטערנעהמונג פון זיין בעקאנטען און האט פערלאזט זיין שטעלע.

II.

אַליין בעל־הבית.

אום צו פערשטעהן, ווי אַזוי עס האָט זיך געקאָנט בעשליסען אַזאַ יונגער מענש פון 18 יאָהר אויף אַזאַ ערנסטען טריט, מוזען מיר געדענקען אין וואָס פאַר אַ צייט ראָבערט האָט געלעבט און וואָס פאַר אַן'אַרט מענש ער איז געווען. וויפיעל מיר ווייסען, האָט אָווען שוין באַלד פון דער יוגענד זיך אויסגעצייכענט מיט אַ שטאַרקער ערנסט און מיט אַ קלאָרען איבערגעלעגטען שכל. די נייע ערפינדונגען פון אַרקראַיט, קראָמפּטאָן און וואַיאַט, וועלכע האָבען אָנגעמאַכט אַזאַ איבערקעהרעניש אין דעם פריהעריגען פּראָדוקציאָנס־אופן און האָבען צוגעצויגען צו זיך אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט, — האָבען געמוזט אויך צוציהען אונזער פעהיגען יונגען אָווען. די נייע ערפינדונגען האָבען אינגאַנצען איבערגעאַנדערשט די לעבענס־אָרדנונג פון די מענשען, וועלכע זענען פערבונדען מיט פאַבריקאַציע.

צו'ם יאָהר 1789, ווען ראָבערט אָווען האָט אָנגעהויבען זיין זעלבסטשטענדיגע אַרבייט, זענען שוין די אַלטע אָרדנונגען כמעט אינגאַנצען איבערגעטוישט געוואָרען; די ענדערונגען אין דעם סיסטעם פון אַרבייט און אין דעם פערבונדענעם מיט זיי סדר פון לעבען, זענען אָפט פאָרגעקומען פאַר זיינע אויגען, אַלס איינצעלנע צופעלע, וועגען וועלכע מען האָט פיעל גערעדט, איידער מען איז דערצו געוועהנט געוואָרען און איידער עס האָט זיך אַיינגעשטעלט אַלס אַ בעשטימטע אָרדנונג. — דעריבער איז לייכט צו פערשטעהן, וואָס אַזאַ אונטערנעהמענדער מענש, ווי אָווען, איז אויך נאָכגעגאַנגען דעם גייסט פון דער צייט און זיך גענומען צו פאַבריקאַציאָן.

באַלד נאָכ'ן שליסען די שותפות האָבען די שותפים זיך גלייך גענומען אַיינצואָרדנען אַ שפּינערי־ווערקשטאַט און באַלד האָבען שוין ביי זיי געאַרבייט 40 מאַן, וועלכע זענען געווען פערנומען מיט אַרבייטען די נויטיגע מאַשינען צו דעם ווערקשטאַט.

אין אַ קורצע צייט אַרום האָט אָווען בעמערקט, אַז זיין

שותּף האָט אַ קלײנעֶ ידיעה אין דעֶר אַרבּײַט, דאָך האָט עֶר זיך פון איהם ניט אָבגעֶשײדט און האָט אַלײן געֶזעֶהן אַלץ אײנצואָרד־נעֶן, אָבעֶר דזשאָנס אַלײן האָט געֶקריגעֶן אַנאַנדעֶר שותּף מיט געֶלד און האָט זיך אָבגעֶטײלט. דאַן האָט אָװעֶן אײנגעֶאָרדעֶנט אַ קלײן פאַבּריקעֶל מיט אײניגעֶ אַרבּײטעֶר.

די פאַבּריק האָט איהם אֶפילו געֶטראָגעֶן אויף דעֶר הוצאָה, עֶר האָט אָבעֶר געֶפיהלט, אַז דאָ איז פאַר איהם אַ צו קלײנעֶר פּלאַץ צו עֶנטװיקלעֶן זײַנעֶ פעֶהיגקײַטעֶן און צו קעֶנעֶן עֶפּעֶס אויפטהון אין דעֶר װעֶלט מיט זײַנעֶ גוטעֶ בּײַשפּיעֶלעֶ, װי צו בּעֶהאַנדלעֶן גוט די אַרבּײטעֶר.

צו יעֶנעֶר צײַט האָט אײנעֶר פון די גרעֶסטעֶ פאַבּריקאַנטעֶן אין מאַנטשעֶסטעֶר, אַ געֶװיסעֶר דרינקװאַטעֶר, אַנאָנסירט אין אַ צײַטונג, אַז עֶר זוכט אַ פּעֶרװאַלטעֶר. ראָבּעֶרט אָװעֶן איז צו איהם אַװעֶק און האָט פאָרגעֶשלאָגעֶן איהם צוצונעֶהמעֶן אויף דעֶר שטעֶלעֶ. נאָך אַ קורצעֶן געֶשפּרעֶך, פון װעֶלכעֶן דרינקװאַטעֶר האָט דעֶרקעֶנט אין איהם אַנ׳אויסעֶרליך פעֶהיגעֶן מעֶנשעֶן, האָט עֶר איהם צוגעֶנומעֶן פאַר אַ פּעֶרװאַלטעֶר אין פאַבּריק.

ראָבּעֶרט אָװעֶן איז אַלײן מודה, אַז עֶר האָט פון אָנ־פאַנג זיך געֶשראָקעֶן פאַר די פעֶראַנטװאָרטליכקײַט, װאָס עֶר האָט אויף זיך אָנגעֶנומעֶן מיט דעֶר שטעֶלעֶ. אין דעֶר פאַבּריק האָבּעֶן געֶאַרבּײט בּיז 500 מאַן, און עֶר איז געֶװעֶן יונג, שעֶמעֶדיג און עֶר איז נאָך נישט געֶװעֶהנט געֶװעֶן אָנצופיהרעֶן מיט אַזאַ גרויסעֶ צאָהל אַרבּײטעֶר. דעֶרצו האָט עֶר נאָך געֶהאַט געֶנוג אַרבּײַט בּײַ'ם אײנקויפעֶן די רויהעֶ פּראָדוקטעֶן, פעֶרקויפעֶן די פאַרטיגעֶ און אײנ־צופיהרעֶן נײַעֶ מאַשינעֶן אין פאַבּריק אויף אויסצואַרבּײטעֶן דעֶם בּעֶ־סעֶרעֶן דינעֶרעֶן סאָרט בּאַװעֶל. עֶר האָט זיך מיט זײַנעֶ אַלעֶ אַר־בּײַטעֶן זעֶהר גוט דורכגעֶמאַכט און די פאַבּריק האָט אָנגעֶהויבּעֶן אויס־צואַרבּײטעֶן די העֶכסטעֶ נומעֶרעֶן, ד. ה. די דינסטעֶ בּאַװעֶל, און דעֶר פאַבּריקאַנט האָט געֶהאַט אַ גרויסעֶן אײנקינפט דורך אָװעֶן׳ס פיהרונג. אַלס דאַנקבּאַרקײַט דעֶרפאַר, האָט איהם דעֶר פאַבּריקאַנט אַרויסגעֶגעֶבּעֶן אַ קאָנטראַקט, לויט װעֶלכעֶן אָװעֶן האָט געֶזאָלט װעֶ־רעֶן אין פיעֶר יאָהר אַרום אַ פיעֶרטעֶר שותּף אין פאַבּריק. דאָס איז געֶװעֶן אין יאָהר 1790. עֶר איז דאַן אַלט געֶװעֶן 20 יאָהר.

ראָבּערט אָווען האָט אַם מעהרסטען אַכטונג געגעבּען, די פאַבּריק זאָל אויסאַרבּייטען די דינגע נומערען בּאַוועל און אַ דאַנק זיין מבינות אויף רויהע סחורה, האָט ער געקאָנט אויסקלייבּען דעם בּעסטען סאָרט און, אַיינאָרדנענדיג די נייסטע מאַשינען, האָט אָווען דערפיהרט די אויסגעאַרבּייטע סחורה צו אַזאַ הויכע שטופע, דאָס אָנשטאָט דעם נומער 120, וועלכער האָט זיך פריהער גערעכענט פאַר'ן דינסטען, האָט זיך שוין אויסגעאַרבּייט אַ נומער 300, ד. ה. די צאָהל מאָטקעס בּאַוועל (אין אַ מאָטעק האָט זיך דאַן גערעכענט 1,000 אַרשין), וואָס איז אַרויס פון איין פונט רויהע בּאַוועל, האָט זיך בּיי איהם פערגרעסערט מיט דריטהאַלבּען מאָל. פאַר דעם סאָרט בּאַוועל האָט מען געצאָהלט מיט 50 פראָצענט טייערער.

אָווען האָט געהעכערט די אַרבּייטער דעם פּריז און אויך דער פאַבּריקאַנט דריקוואַטער האָט געהאַט אַ גרעסערע איינקינפט און איז שטאַרק צופריעדען געווען פון זיין פערוואַלטער, אָבּער אַ ניט־פאָרגעזעהענער צופאַל האָט געבּראַכט דאַצו, דאָס אָווען האָט פערלאָזט זיין שטעלע.

דריקוואַטער'ס טאָכטער האָט התונה געהאַט מיט אַ רייכען פאַבּריקאַנט פון מוסעלין, וועלכען עס האָט זיך שטאַרק פערגלוסט צו ווערען צוזאַמען מיט'ן שווער אַ קאָטטאָן־לאָרד*) און האָט דורכאויס געוואָלט, מען זאָל מאַכען איין פירמא פון זייערע פאַבּריקען; דאַדורך האָט געמוזט בּטל ווערען דער קאָנטראַקט מיט אָווענ'ען, לויט וועלכען ער האָט בּעדאַרפט ווערען שותף אין פאַבּריק. אָווען האָט זיך געפונען בּעליידיגט און האָט ניט געוואָלט פערבּלייבּען ווייטער אַלס פערוואַלטער.

III.

דאס אלטע און דאס נייע.

דאָס יאָהר 1770, וועלכעס איז אויסגעפאַלען מיט'ן יאָהר פון אָווען'ס געבּורט, קען מען רעכענען פאַר אַנ'אָנפאַנג פון אַ נייער

---

*) קאָטטאָן־לאָרד (בּאַוועל־לאָרד) האָט מען דאַן גערופען די רייכע פאַבּריקאַנטען פון מאַנטשעסטער.

תקופה אין דער ענטוויקלונג פון דער ענגלישער אינדוסטריע. דאָס אַלטע סיסטעם האָט אָבגעלעבט זיין צייט, און אין משך פון די ווייטערע צוואַנציג יאָהר ביז 1790, איז פאָרגעקומען אַ גאַנצע איבערקעהרעניש אין דער אינדוסטריע און אין׳ם טויש־סיסטעם. ווען אונטער דער ווירקונג פון די נייע ערפינדונגען פון אוּאַיט, אַרקרייט און אַנדערע, איז אומגעפאַלען דער אַלטער סדר און אויף זיין אָרט איז געקומען דאָס היינטיגע אינדוסטריעלע סיסטעם פון דעם גרויס־בעטריעב — איז עס געוועזען אַ שטילע, אָהן־בלוטיגע רעוואָלוציע, וועלכע האָט, לויט איהר בעדייטונג אויפ׳ן ווייטערדיגען לעבען און די פערהעלטניסע צווישען מענשען, ניט ווע־ניגער געווירקט, ווי די פראַנצעזישע רעוואָלוציע.

אום ריכטיג צו פערשטעהן דעם קאָנטראַסט צווישען דער פריהערדיגער אָרדנונג אין דער אַרבייט־און האַנדעלס־וועלט, וואָס האָט געהערשט ביז׳ן יאָהר 1770, און צווישען דעם איבערגעטוישטען נייעם סדר, מוז מען פריהער בעטראַכטען די ביידע אָרדנונגען.

דעם גאַנצען פעריאָד, וואָס פאַר׳ן יאָהר 1770, קען מען אָנרופען די עפּאָכע פון האַנד־אַרבייט, ווען מאַנסלייט, פרויען און קינדער האָבען, מיט דער הילף פון איינפאַכע אַרבייטס־כלים, אויסגעאַרבייט אַזוי פיעל פראָדוקטען, וויפיעל עס איז נויטיג געווען פאַר דעם געברויך פון דער געזעלשאַפט. די מענשליכע אַרבייט איז געוועזען דער גרונד, פון וועלכען מיר האָבען געקאָנט בעקומען אַ בעגריף איבער דעם שטאַנד פון דער פראָדוקציאָן, אָנקלייבען קאַפּיטאַל און איבערהויפט פון אַלעם דעם, וואָס מען רופט פּראָגרעס. פון יאָהר 1770 הויבט אָן דעם מענשענס אַרבייט צו פערטוישען די מאַשין. און דאָס פערטוישען איז געגאַנגען מיט אַזאַ שטורמדיגע שנעלקייט, אַז צו׳ם אָנפאַנג פון 19־טען יאָהרהונדערט האָט שוין די מאַשין פערנומען דאָס ערשטע אָרט און דער מענש איז געשטאַנען אויפ׳ן צווייטען פלאַן. אין די פריהערדיגע צייטען האָט די ערשטע ראָלע געשפּיעלט די האַנד־אַרבייט און די לעבענס־בעדינגונגען פון די אַרבייטער; ביי דער נייער אָרדנונג האָט זיך אויפ׳ן ערשטען פלאַן געשטעלט די מאַשין, דער בעגריף, ווי אַזוי זיך מיט איהר צו בענוצען און ווי אַם מעהרסטען און בעסטען אויסניצען איהר קראַפט פאַר דעם אייגענעם נוץ. מען קען זאָגען,

אָהן אַ גוזמא, אַז דער קורצער משך פון 1770 ביז 1790, נאָך דער שטאַרקער פערענדערונג, וואָס ער האָט אָנגעמאַכט אין די מענשליכע פערהעלטניסען, האָט צו זיך קיין גלייכען ניט כמעט אין דער גאַנצער היסטאָריע און דאַרף יעדענפאַלס אַנערקענט ווערען לויט זיינע פאָלגען פאַר איינעם פון די הויפט־וויכטיגסטע פעריאָדען.

ביז'ן יאָהר 1770 האָט זיך דער בעטריעב אין ענגלאַנד ענט־וויקעלט זעהר לאַנגזאַם. דער מסחר מיט אויסלאַנד איז געווען זעהר קליין. עס איז געלעגען אַ שטאַרקער טאַריף אויף אויסלענדישע סחורות, וועלכער האָט געמאַכט אונמעגליך דעם אימפּאָרט (דאָס אַריינפיהרען סחורות פון אַנדערע לענדער). די הויפט־זאַכען פון אַרויספוהר נאָך אויסלאַנד זענען געווען ניט אויסגעאַרבייטע סחורה, נאָר בלויז רויהע פּראָדוקטען, ווי וואָל, תבואה א. ד. ג. ניט פיה־רענדיג קיין מסחר מיט אויסלאַנד, איז דער הויפט־פערדיענסט פון דער בעפעלקערונג אָבהענגיג געווען פון אינערליכען מאַרק; און אַזוי ווי אומעטום האָט עקזיסטירט האַנד־אַרבייט, איז דער געברויך אויף אַרבייטס־הענד געגאַנגען גלייך מיט דעם פּראָצעס פון פערמעהרונג פון דער בעפעלקערונג, ד. ה. יעדער אַרבייטס־מענש האָט געקאָנט אויסאַרבייטען כמעט ניט מעהר וויפיעל אַ מענש קאָן פערברויכען; דאָס אָנקלייבען פון קאַפּיטאַל איז אַלזאָ געגאַנגען זעהר לאַנגזאַם און האָט זיך צוטיילט צווישען אַ סך קליינע איינענטימער. ספּע־קולאַציעס האָבען כמעט ניט עקזיסטירט, וויל עס זענען ניט צוגע־קומען קיין נייע סחורות, אויף וועלכע מען זאָל קענען ספּעקולי־רען, אַזוי, אַז צופאַלען פון רייך ווערען מיט אַמאָל האָבען זיך זעלטען געטראָפען.

די צייט פון יאָהר 1778 ביז 1803 איז געווען דער בעסטער פעריאָד פאַר די וועבער און שפינער. די האַנד־מאַשין, וועלכע האָט פערטוישט דעם פריהערדיגען שפּינראָד, איז יעצט געווען פער־שפּרייט אין אַלע דאָרפישע הייזלעך; מאַטעריאַל האָט מען דעם וועבער צוגעשטעלט גענוג און ער האָט געהאַט שטענדיג אַרבייט. אויף די באַוועל־סחורות איז געווען אַ גרויסער געברויך. אַלע האָ־בען געאַרבייט ביי זיך אין שטוב און גוט פערדינט, ביז עס איז ערשינען די גרויסע פאַבריק, וועלכע האָט זיך בענוצט מיט דער קראַפט פון דאַמפּף און איינגעשלונגען מיט איינמאָל די גאַנצע הויז־אינדוסטריע.

פון יאָהר 1776, ביז דער ערשיינונג פון דער אינדוסטריע־רעוואָלוציע, זענען געווען די אויסגאַבען פון דער רעגירונג אויף אויסצוהאַלטען אָרעמע אַרום 7 מיליאָן רובל יעהרליך, אין יאָהר 1783 אָבער זענען זיי שוין געווען איבער צוואַנציג מיליאָן רובל און אין יאָהר 1880 האָט דערגרייכט די סומע, וועלכע ענגלאַנד גיעט יעהרליך אויס פאַר אַרבייטסלאָזע, ביז 80 מיליאָן רובל. עס איז נויטיג דערביי צו בעמערקען, אַז אין דער זעלבער צייט האָט דער האַנדעל איהרער מיט אויסלאַנד דערגרייכט פון 230 מיליאָן אין יאָהר 1782 ביז $6^1/_2$ מיליאַרד אין יאָהר 1880.

דער ערשטער פונדאַמענט אויף איבערצוגעהן פון דער הויזליכער פּראָדוקציאָנס־פאָרם צו דער היינטיגער אינדוסטריעלער פאָרם איז געלעגט געוואָרען דורך פיער גרויסע ערפינדונגען. אין יאָהר 1770 האָט דזשעמס הערגריווס, אַן'איינפאַכער וועבער, בעקומען אַ פּריווילעגיע אויף זיין ניי־ערפונדענעם שפּינראָד, וועלכען ער האָט אַ נאָמען געגעבען „דזשעני", וועלכער איז בעשטאַנען פון אַ ראָם מיט עטליכע שפּינדלען, אויף וועלכען מען האָט געקאָנט שפּינען מיט איינמאָל עטליכע פעדעם, וועהרענד אויפ'ן אַלטען האַנד־שפּינראָד האָט מען געשפּינט בלויז איין פאָדים. הערגריווס האָט אָנגעהויבען אַליין צו אַרבייטען אויף זיין מאַשין און האָט געפונען, אַז די אַרבייט האָט זיך פערגרעסערט, זי איז פּראָדוקטיווער און פרוכטבאַרער געוואָרען אויף אַכט מאָל.

אין יאָהר 1771 האָט אַרקרייט אויסגעבויט אין קראַמפּ־טאָן ביי'ם טייך דערווענט אַ שפּינעריי־פאַבריק, וואו עס האָבען געאַרבייט ווינע וואַסער־שפּין־שטוהלען. אין יאָהר 1779 האָט קראַמפּטאָן, אויך אַן'איינפאַכער שפּינער, אויסגעקלערט אַ נייע מאַשין, וועלכע איז, איינענטליך, געווען אַ צוזאַמענמישונג פון די ביידע פריהערדיגע ערפינדונגען, אַרקרייט'ס און הערגריווס'ס זי האָט טאַקי דאַדורך בעקומען דעם נאָמען מיול־מאַשין (מיול — בעדייט אויף ענגליש: אויסגעמישט). די דאָזיגע נייע ערפינדונג האָט מיט איינמאָל פערגרעסערט די פרוכטבאַרקייט פון דער אַרבייט אין אַ אונגעהויער גרויסער מאָס; דאָס גרונד־סיסטעם פון קראַמפּטאָן'ס מיול־מאַשין עקזיסטירט אויך אין די היינטיגע פאַבריקען, וואו אויף איין שטוהל, אונטער דער אָבאַכט בלויז פון איין אַרבייטער, אַרבייטען 12,000 שפּינדלען. די דאָזיגע ערפינדונגען האָבען אַ גרוי־

סעֶן שטופּ געֶטהוּן די עֶנטוויקלונג פוּן דעֶר שפּינעֶריי־פאַבריקאַציע און צו'ם יאָהר 1811 האָבעֶן שוין אין עֶנגלאַנד געֶאַרבייט מעֶהר ווי $4^1/_2$ מיליאָן שפּינדלעֶן. קראַמפּטאָן, פּונקט ווי דאָס רוב בלויזע עֶרפינדעֶר, אָבעֶר ניט פעֶהיגע סוחרים, איז געֶשטאָרבעֶן אין אָרעֶמקייט (1827). אַרקרייט איז געֶוואָרעֶן אַ מיליאָנעֶר.

די דאָזיגע דריי מאַשינעֶן האָבעֶן אָבעֶר נאָר פעֶרגרעֶסעֶרט ביז אַן'אוּנגעֶהויעֶרעֶר מאָס די געֶשפּינסט־פּראָדוּקציאָן פוּן דעֶם רויהעֶן מאַטעֶריאַל; יעֶצט האָט מעֶן געֶבּרויכט צוּ האָבעֶן אַ מאַשין, וועֶל־כעֶ זאָל קעֶנעֶן נאָכאַרבייטעֶן די געֶשפּינטעֶ פעֶדים אין געֶוועֶב. אין יאָהר 1785 האָט דעֶר פּאַסטאָר קאַרטראַיט בעֶקוּמעֶן אַ פּריוויּ־לעֶגיע אויף זיין עֶרפוּנדעֶנעֶם מעֶכאַנישעֶן וועֶב־שטוּהל. קאַרט־ראַיט'ס מאַשין צוזאַמעֶן מיט קראַמפּטאָן'ס שפּין־שטוּהל, האָט מיטגעֶהאָלפעֶן דעֶם פּראָצעֶס פוּן פעֶרניכטעֶן ביז'ן גרוּנד דאָס הויז־פּראָדוּקציאָנס־סיסטעֶם, וועֶלכעֶס האָט זיך נאָך געֶהאַלטעֶן אין דעֶר וועֶבעֶריי. נאָר די דאַמפּף־מאַשין פוּן וואַיט האָט דעֶרלאַנגט דעֶם דאָזיגעֶן סיסטעֶם דעֶם לעֶצטעֶן קלאַפּ. די פּריווילעֶגיע אויף זיין עֶרפינדוּנג האָט עֶר בעֶקוּמעֶן אין יאָהר 1769. פוּן אָנפאַנג האָט מעֶן די דאַמפּף־מאַשין בעֶנוּצט בלויז אין די מעֶטאַל־גרוּבּעֶן צוזאַמעֶן מיט אַ פּאָמפּעֶ אויף אויסצוּשעֶפּעֶן דאָס וואַסעֶר פוּן די שאַכטעֶן, נאָר פוּן יאָהר 1785 האָט מעֶן אָנגעֶהויבעֶן צוּ בעֶנוּצעֶן די דאַמפּף־מאַשין אין די שפּינעֶריי־פאַבריקעֶן. די פאַבריקאַנטעֶן האָבעֶן גלייך בעֶמעֶרקט די מעֶלה, וואָס דאַמפּף האָט געֶגעֶן אַ וואַסעֶר־ראָד, און מעֶן האָט שטאַרק אָנגעֶהויבעֶן צוּ בעֶנוּצעֶן די דאַמפּף־מאַשין, אַזוי, אַז צו'ם יאָהר 1810, 30 יאָהר נאָכדעֶם, ווי אַרקרייט'ס עֶרשטעֶר שטוּהל האָט אָנגעֶהויבעֶן צוּ אַרבייטעֶן, האָבעֶן שוין אין עֶנגלאַנד געֶרויכעֶרט 600 הויכעֶ קוימעֶנס פוּן שפּינעֶריי־פאַבריקעֶן, דעֶר טיפּ, וועֶלכעֶן מיר זעֶהעֶן יעֶצט אוּמעֶטוּם.

אויסעֶר ביי באַוועֶל־שפּינעֶריי, האָט מעֶן די אויבעֶן־אויסגעֶ־רעֶכעֶנטעֶ מאַשינעֶן, מיט פעֶרשיעֶדעֶנעֶ פעֶרעֶנדעֶרוּנגעֶן, אָנגעֶהויבעֶן בעֶנוּצעֶן צוּ אַלע אַנדעֶרעֶ צווייגעֶן פוּן וואָל־ און פלאַקס־אינדוּסטריע. די קליינעֶ שפּין־רעֶדעֶר און וועֶב־רעֶדעֶר, וועֶלכעֶ האָבעֶן זיך געֶ־פוּנעֶן אין די פעֶרמעֶס און דעֶרפעֶר, זעֶנעֶן גיך פעֶרשוואוּנדעֶן געֶ־וואָרעֶן, אָבּטרעֶטעֶנדיג דאָס אָרט פאַר די גרויסעֶ פאַבּריקעֶן מיט די הוּנדעֶרטעֶר און טויזעֶנדעֶר אַרבייטעֶר, וואָס זעֶנעֶן אין זיי פעֶר־

שפּאַרט; די פאַבריקען האָבען זיך געעפענט אין די שטעדט, אָדער זיי האָבען געלעגט אַ גרונד פאַר נייע שטעדט, וועלכע האָבען זיך אַרום זיי אויסגעבויט און זענען שוין ניט געווען אָבהענגיג, ווי פריהער, פון דער נאָהענטקייט צו׳ם וואַסער. די ניי־געבוירענע בעלי־בתים פון דעם נייעם טיפּ האָבען זיך מיט אַלע כחות געיאָגט אוי־מעטום אויסצובויען נייע פאַבריקען, וועלכע זענען דאַן גיך אויס־געוואַקסען, ווי שוואָמען. די אַרבייטער האָבען באַלד דערשפּירט דעם אונטערשיעד צווישען אַלטען און נייעם סיסטעם. פריהער האָ־בען זיי אַליין געקויפט די געשפּינטע באַוועל, פון וועלכע זיי האָ־בען בעדאַרפט וועבען, און זענען געווען איינענטימער פון זייער אויסגעאַרבייטען געוועב, זיי זענען געווען אַליין קליינע בעלי־בתים. ביי דער נייער אָרדנונג אָבער האָבען זיך די אַרבייטער פלוצלינג דערשפּירט אָבהענגיג פון די סוחרים און פאַבריקאַנטען. פון אָנ־פאַנג האָבען זיך טאַקי די פערדינסטען פון די אַרבייטער פערגרע־סערט, ווייל עס האָט זיך מיט אַמאָל פערגרעסערט די פּראָדוקציאָן פון די פּראָדוקטען און אויך דער געברויך אין אַרבייטס־הענד. נאָר דאָס האָט ניט לאַנג געדויערט. די מאַשין האָט גיך איבערגעלאָזט אָהן אַרבייט אַ סך פעהיגע בעלי־מלאָכות, וועלכע מען האָט יעצט געקאָנט פערטוישען אויף פרויען און קינדער, ווייל ביי דער מאַשין־אַרבייט זענען אַלע אַרבייטער גלייך פעהיג; איינער קען ניט אויפ־טהון מעהר פאַר׳ן צווייטען, די מאַשין אַרבייט שוין אַליין איהר שטענדיג גלייכע אַרבייט. די אַרבייטער זענען אינגאַנצען אָבהענגיג געוואָרען פונ׳ם קאַפּיטאַליסט אין דאָס האָט געפיהרט צו אַ שרעק־ליכע, אונגערהערטע ביז אַהער, קאָנקורענץ אין דער אַרבייט.

אין איינינע צווייגען פון דער פאַבריק־אינדוסטריע איז נויטיג געווען קינדער־אַרבייט. נאָר די עלטערן האָבען ניט קיין חשק געהאַט אָבצוגעבען די קינדער אין די פאַבריקען. די נייע פאַברי־קאַנטען האָבען געפונען דערצו אַנ׳עצה און האָבען זיך געווענדעט צו די זאָגענאַנטע אַרבייטס־הייזער, וועלכע זענען געווען פערשפּרייט אין גאַנץ ענגלאַנד, און פון דאָרט האָבען זיי אויסגעקליבען אַ געוויסע צאָהל לעהרען־יונגלעך, פון די קינדער פון אָרעמע על־טערן, יתומים און ממזרים, וואָס ערציהען זיך דאָרט. מען האָט זיי געקויפט פונקט ווי סחורה און געטריבען גאַנצע קאָמפּאַניעס־ווייז, ווי פיה, צו׳ם בעשטימטען אָרט. די אַדמיניסטראַציע פון די

אַרבייטס-הייזער, וועלכע איז צופריעדען געוועזן, וואָס זי ווערט פּטור פון זיי, האָט ניט געזאָרגט אויסצורעדען גוטע בעדינגונגען פאַר די קינדער, נאָר פאַר זיך האָט זי אויסגערעדט, אַז צווישען די צוגענומענע קינדער דאַרף זיך געפינען אויך אַ געוויסע צאָהל קראַנקע און אידיאָטען. ווען די קינדער זענען שוין אַם ענדע געקומען אין דער פאַבריק, אין וועלכער זיי האָבען געברויכט אַרבייטען זייער גאַנץ לעבען, האָט מען זיי אַריינגעשטופּט אויף צו וואָהנען אין אַזעלכע, אויף שנעל אויסגעבויטע, באַראַקען. צו עסען האָט מען זיי געגעבען די ערגסטע שפּייז און אָפט אויך ווייניג. אויף די זעלבע בעטלעך איז מען געשלאָפען צו צוויי משמרות (זמיאַנעס), אַזוי, אַז ווען איינע זענען געשלאָפען, האָבען די אַנדערע געאַרבייט אין פאַבריק און, קומענדיג פון דער אַרבייט, האָבען זיי זיך גלייך אַריינגעוואָרפען אין די געלעגערס, וועלכע זענען נאָך ניט אָבגעקיהלט געוואָרען פון זייערע חברים'ס שווייס. די אונגליקליכע קינדער זענען, געוועהנליך, ניט אימשטאַנד געווען אַליין פאַר זיך צו זאָרגען; ניט האָבענדיג קיין קרובים, קיין נאָהענטע, זענען זיי אינגאַנצען געווען אין רשות פון די מענשען, וועלכע האָבען געקוקט אויף זיי, ווי אויף געוועהנליכע אַרבייטס-כלים. מען האָט זיי ניט נאָר ניט גע- געבען זאַט צו עסען, מען האָט זיי נאָך מערדערליך געשלאָגען, ווען זיי האָבען פערמאַטערטערהייט געדרימעלט ביי דער אַרבייט, און אַ דאַנק אָט דער דאָזיגער קאַטאָרגע זענען זיי אויסגעשטאָרבען, ווי פליעגען. אין ענגלאַנד עקזיסטירט אַ גאַנצע ליטעראַטור, וועלכע בע- שרייבט די אונגלויבליכע שרעקליכע פאַקטען פון דעם מערדערליכען בעגעהן זיך מיט די קינדער, וועלכע האָבען צו זיך כמעט קיין גלייכען ניט אין דער היסטאָריע און וועלכע לעגען אַ שענדליכען פלעק אויף דעם פעריאָד, וואָס האָט געלעגט דעם פונדאַמענט צו דער ענטוויקלונג פון דער היינטיגער ריזיגער פאָרם פון פאַבריקאַ- ציאָן. נאָר דאָס אַלץ האָט דער גאַנצער געזעלשאַפט ווייניג גע- אַרט, זי האָט זיך געמאַכט ניט וויסענדיג דערפון, ביז צווישען די אונגליקליכע קינדער האָבען זיך ניט בעוויזען אַנשטעקענדע קראַנק- הייטען און, אויסער דעם, וואָס זיי זענען אויסגעשטאָרבען מאַסענ- וויין, זענען די נייע פאַבריקען געוואָרען אַ געפאַהר פאַר דער גע- זעלשאַפט אַלס אַ נעסט פון פערפּעסטונג.

אין יאָהר 1796 האָט זיך אין מאַנטשעסטער געגרינדעט דער

ערשטער סאניטאר־ראטה, וואוהין דער ד״ר פערסיוויל האט פארגעשטעלט זיין בעריכט איבער דער לאגע פון די פאבריקס־ארבייטער. דער דאזיגער בעריכט, וועלכער קען דיענען אלס א ריכטיגער היסטארישער דאקומענט, בעווייזט קלאר די לאגע, ביי וועלכער עס האט זיך ענטוויקעלט דאס היינטיגע פאבריק־סיסטעם; ער בעווייזט, אז דאס דאזיגע סיסטעם האט באלד אין אנפאנג, ווי עס איז ענטשטאנען, ניט נאר זיך נישט גערעכענט מיט דער לאגע פון די פאלקס־מאסען און ניט בעמיהט זיך זי צו פערבעסערען, נאר עס האט נאך פערשפרייט צווישען פאלק קראנקהייטען און אונמאראלישע זיטען. און די מענשען, וועלכע האבען בעקומען פון דעם נייעם ארבייטס־סיסטעם די גרעסטע נוצען, האבען, אויסער א קליינע אויסנאהמע, רוהיג געקוקט אויף די נייע צרות און ליידען, וואס זיי האבען גורם געווען דעם פאלק, און האבען פון זייער זייט גאר ניט געטהון, אום צו צושטערען די פערמעהרונג און פערשפרייטונג פון די דאזיגע צרות און ליידען. די גרויסע, פיעליעהריגע פאבריקס־אגיטאציאן אין ענגלאנד, וואס איז נאכהער אויסגעוואקסען אין א גאנצען סיסטעם פון פאבריקס־געזעצען, וועלכע האבען געדיענט אלס מוסטער פאר אלע אייראפעאישע רעגיערונגען, — האט זיך אנגעהויבען, קען מען זאגען, פון דעם ד״ר פערסיוויל׳ס בעריכט; אין איהם זענען אויפגעוויזען געווארען די אלע צרות, וואס די אינדוסטריעלע ארבייט האט אנגעמאכט, מיט וועלכע מיר קעמפפען נאך ביז היינט.

די ליבעראלע פאבריקאנטען, וואס אויף זייער שטיצע האט דער ד״ר פערסיוויל געבויט, האבען ניט בעפריעדיגט זיין האפנונג. עס איז איהם פארגעשטאנען א שטארקער קאמפף מיט די פאבריקאנטען, וועלכע האבען גע׳טענה׳ט, אז דאס קאפיטאל, וואס ליעגט אין זייער אונטערנעהמונג, איז זייער אייגענטהום, דעריבער האבען זיי דאס רעכט צו טהון מיט איהם, וואס זיי ווילען, און עס דארפען זיך דערין ניט אריינמישען אזעלכע זייטיגע מענשען, וועלכע האבען אין זינען סענטימענטאלע פאנטאזיעס. ווען מיר האבען יא געהאט גרויסע פערדינסטען פון דער אונטערנעהמונג, — האבען זיי געזאגט, — דערפאר זענען מיר געשטאנען אין ריזיק און געקאנט דערביי אויך פיעל היזק האבען. בעזונדער ווידער — האבען זיי ווייטער גע׳טענה׳ט, — יעדע זייטיגע אריינ־

מִישׁונג אין די פערהעלטניסע פון פאַבּריקאַנט מיט די אַרבּייטער, וועלכע פאָדערט געוויסע הוצאות פאַר די אַרבּייטער פון דעם פאַבּ-ריקאַנט'ס הכנסות, פיהרט דערצו, דאָס די אויסלענדישע קאָנקורענץ זיעגט, און עס לײַדען נאַכהער די אַרבּייטער גופא, וועלכע בלײַ-בען דאַדורך אָהן אַרבּייט.

עס האָבען זיך זאָגאַר געפונען אַזעלכע דאָקטוירים, וועלכע האָבען בעשטעטיגט, אַז די אַרבּייט אין פאַבּריק איז ניט נאָר ניט שעדליך פאַר דעם געזונד פון די קינדער, נאָר, פערקעהרט, זי שטאַרקט דעם קערפּער און ווירקט גוט אויף זײַן ענטוויקלונג. צווי-שען די אַרבּייטער גופא האָט זיך פערשפּרייט דער געדאַנק, אַז יעדע פערקירצונג פון אַרבּייטס־טאָג דורך אַ צוואַנג־געזעץ איז אַ שטע-רונג פאַר זייער פערזענליכער פרײַהייט, דערמיט, וואָס זיי האָבען ניט דאָס רעכט צו פערקויפען זיך אויף וויפיעל צײַט אין טאָג זיי ווילען, און, אויסער דעם, האָבען זיי גערעכענט, אַז עס וועט קלע-נער ווערען זייער פערדינסט.

עס פערשטעהט זיך ממילא, אַז די ערשטע קעמפּפער פאַר די פרײַהייט פון די קינדער, וועלכע אַרבּייטען אין פאַבּריקען, האָ-בען ניט געהאַט קיין אונטערשטיצונג זאָגאַר פון די קינדער'ס על-טערען. מען האָט באַלד דײַטליך געזעהן, דאָס עס וועט אוממעג-ליך זײַן אויסצופיהרען אַ געזעץ, וועלכעס זאָל בעגרענצען די מאַכט פון פאַבּריקאַנט, צוליעב דעם שטאַרקען, בעזען ווידערשטאַנד פון די פאַבּריקאַנטען און צוליעב די גלייכגילטיגע בעציהונג דערצו פון די אַרבּייטער גופא. דאָס איז דער טעם, וואָס דער ערשטער פאַר-לאַמענטאַרישער אַקט איבּער פאַבּריקען, וועלכער איז אַרויסגעגעבּען געוואָרען אַ דאַנק דער גרויסער מיה פון אַ קליינעם הויפען גוטע מענשען, וואָס איינער פון די הויפּט־טהוער פון זיי איז געוועזען **ראָבּערט אָווען**, — האָט בעריהרט נאָר די אַרבּייט פון די לעהרען־אינגלעך, און זעהר וועניג האָט ער אָנגעריהרט די קינדער-שע אַרבּייט, וועלכע איז שוין דאַן שטאַרק פערשפּרייט געוועזען אין ענגלאַנד, ווײַל די פאַבּריקען האָבען זיך געבּויט אין גרויסע שטעדט. נאָר יעדענפאַלס, ווי קליין עס זאָל ניט זײַן דער רעזולטאַט פון דער ערשטער פּראָבּע געזעצליך צו אָרדנען די פערהעלטניס צווי-שען אַרבּייטער און פאַבּריקאַנט, האָט דאָס דאָך געמאַכט אַ וועג פאַר אַנדערע, ווײַטערע געזעצען, וועלכע האָבען וויפיעל עס איז פער-

היט די קינדערשע אַרבייט אין פאַבריק פון דער אָהן־רחמנות׳דיגער עקספּלואַטאַציע. לויט דעם נייעם געזעץ איז בעגרענעצט געוואָרען די אַרבייטס־צייט פאַר קינדער אויף 12 שטונדען אין מעת־לעת. צו ביינאַכטיגע אַרבייט טאָר מען קיין קינדער גאָר ניט בענוצען. די לעהרען־אינגלעך דאַרפען זיך אויפ׳ן פאַבריקאַנט׳ס רעכנונג לערנען לעזען, שרייבען און רעכנען און צוויי מאָל יעהרליך בעקומען נייע קליידונג און שוכוואַרג. אויסער דעם, האָט זיך געפאָדערט צוויי מאָל יעהרליך אויסצוקאַלכען די פאַבריק, און עס זענען געמאַכט געוואָרען ווענטילאַטאָרס. בעזונדערע שלאָף־צימערען האָבען געברויכט צו זיין פאַר אינגלעך און מיידלעך. אויף דעם אַלעם אַכטונג צו געבען זענען בעשטימט געוואָרען צוויי אינספּעקטאָרען, איינער פון געריכטס־אַנשטאַלט און איינער פון די אָרטיגע גייסטליכע.

די נייע פּראָדוקציאָנס־אָרדנונג, ד. ה. די פאַבריק מיט איהרע קראַנקהייטען, אויסגעלאַסענהייט, צושטערונג פון פאַמיליען־לעבען, שכרות, קבצנות האָט פערוּנגליקט דעם יונגען דור, וועלכער איז פון דער יוגענד אָן אָנגעשטעקט געוואָרען מיט אַ שטענדיגע קראַנקהייט. דאָס נייע סיסטעם האָט געבראַכט צו אויסשטאַרבונג פון קינדער, פערגרעבקייט און אונוויסענהייט, צו קראַנקהייטען, וואָס די אַרבייטער בעקומען דורך דעם אַרבייטען אין ענגע פאַבריקס־צימערען: שווינדזיכט, טיפוס, שקראָפעל, יונגערהייט אַלט ווערען און אַם ענדע פון דעם אַלעם — צו שטאַרבען אין הקדש.

פיעל פון די אויסגערעכענטע צרות עקזיסטירען שוין היינט ניט; פיעל זאַכען זענען שוין פערבעסערט געוואָרען דורך דער אינספּעקציע און איבערהויפּט דורך די בעשטימטע פאָדערונגען פון די אַרבייטער גופא, וועלכע זאָרגען אַליין, ווי צו פערבעסערען זייער לאַגע און אָבצוהיטען זייערע אינטערעסען; נאָר דאַן, אין יענער צייט, באַלד אין אָנפאַנג פון דעם אינדוסטריעלען סיסטעם, ווען די אַרבייטער האָבען נאָך גאָר ניט געוואוסט און ניט פערשטאַנען, ווי און מיט וואָס פאַר אַ אופן זיי קענען זיך פערבעסערען די לאַגע, און ביי דער צווייטער זייט ווידער, ד. ה. ביי די פאַבריקאַנטען און סוחרים, האָט געהערשט בלויז דאָס געפיהל פון געלד־גייציגקייט, אַזוי, אַז עס האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס דאָזיגע געפיהל וועט איינשלינגען אַלע אַנדערע געפיהלען, — ביי אַזאַ צושטאַנד

קאַלטבלוטיגער צוקוקער פון דעם אַלעם, וואָס קומט פאָר אַרום איהם. די מאַשין, וועלכע האָט פערגרינגערט דעם מענשענס אַרבייט און האָט דאָך אין גרונד געברויכט צו ווירקען אויף צו פערבעסערען זיין לאַגע, איז אַריינגענומען געוואָרען אין רשות פון אַ הויפעלע מענשען און איז נאָך אַליין געוואָרען דאָס הויפט-געוועהר, מיט וועלכען מען עקספּלואַטירט מענשען.

ביי דער נייער אָרדנונג, ביי וועלכער די מאַשין האָט אָנגעהויבען צו שפּיעלען אַזאַ גרויסע ראָלע, האָט זיך די געזעלשאַפט צוטיילט אויף צוויי קלאַסען: איינע, די קלענערע, ביי וועלכער עס איז געווען אַלץ, די צווייטע, די פיעל גרעסערע, ביי וועלכער עס איז גאָר נישט געווען, אויסער אַרבייטס-הענד, און ווען פאַר זיי האָט זיך ניט געפונען קיין אַרבייט, איז זיי פאָרגעשטאַנען דער הונגער-טויט.

בעטראַכטענדיג די עקזיסטירענדע אָרדנונג, האָט ר אָ ב ע ר ט אָ וו ע ן באַלד בעשלאָסען, אין וועלכער זייט ער דאַרף זיך צו האַלטען. נאָך זיין הויך-הומאַנישער נאַטור און וועלט-אַנשויאונג, וועלכע האָט זיך אויסגעצייכענט מיט אַזאַ גרויסער טאָלעראַנץ (דולדזאַמקייט), איז ער געווען אונפעהיג צו פערפיהרען אַנ׳אַרבייט, וועלכע ברויך מיט געוואַלד עפּעס אויסצופיהרען. אָ וו ע ן האָט גוט פערשטאַנען, ווי ווייט שלעכט עס איז די עקזיסטירענדע אָרדנונג, און זיין גאַנץ מיטגעפיהל איז געווען אויף דער זייט פון די ליידענדע; נאָר פיעל פון זיינע פּלענער צו פערבעסערען די לאַגע פון די אַרבייטער זענען געווען אויסגערעכענט אויף דעם גוטען ווילען פון די פאַבריקאַנטען זעלבסט, און דאָס איז די ריכטיגע סבה, פאַר וואָס איהם איז ניט געלונגען די פּלענער אויסצופיהרען. יעדענפאַלס, ביי די דאַמאָלסדיגע אַנזיכטען פון די פּאָליטישע פּאַרטייען אין ענגלאַנד, וואָלט איהם, אַרבייטענדיג אויף אַנ׳אַנדער אַרט, ניט געלונגען אויסצופיהרען אֲפילוּ אַ צעהנטעל פון דעם, וואָס ער האָט אויפגעטהון צו פערבעסערען די אַרבייטער-לאַגע.

ער האָט קלאָר איינגעזעהן, אַז אַלע צרות שטאַמען פון איין קוועלע: פון דעם גרויסען אונרעכט, וואָס פון די ערָאָבערונגען דורך די נייע ערפינדונגען אין דעם געביעט פון מאַטעריעלע וויסענשאַפט און טעכניק, געניסען ניט אַלע מענשען, נאָר אַ קלייַנער

מעוט. דורכגענומען מיט'ן געדאַנק פון דעם אונרעכט, האָט ער בע־שלאָסען צו אָפּפערען אַלע זיינע קרעפטען אין דעם שטרייט מיט דער עולה.

IV.

די לעצטע יאָהרען אין מאַנטשעסטער.

ווען ראָבערט אָווען האָט פערלאָזט דריקוואָטער'ס פאַב־ריק, האָט ער געהאַט זעהר אַ גוטען שם אין דער האַנדעלס־וועלט פון מאַנטשעסטער, אַזוי, אַז אַ סך גרויסע פאַבריקאַנטען האָבען געוואָלט מאַכען מיט איהם שותפות. אָבזייענדיג אַ קורצע צייט שותף אין איינער פון די עלטסטע פירמעס, איז ער נאַכהער געוואָרען שותף אין דער נייער טשאָרלטאַנער שפּינערײַ־געזעל־שאַפט; די דאָזיגע אונטערנעהמונג איז אונטער זיין פערוואַלטונג אַוועק זעהר גוט.

צו יענער צייט האָט ער זיך בעפריינדעט מיט די געביל־דעטסטע און ענטוויקעלטסטע מענשען פון מאַנטשעסטער. פון אַ קליי־נער חברה פּראָפעסאָרען, וואָס פלעגען זיך פערזאַמלען אַרומצושמו־עסען איינינע פראַגען, וועלכע אַנבעלאַנגען ליטעראַטור און וויסענ־שאַפט, איז נאַכהער אויסגעוואַקסען די בעוואוסטע אונטער'ן נאָמען „מאַנטשעסטערישע ליטעראַרישע און וויסענשאַפטליכע געזעלשאַפט". איהרע מיטגליעדער זענען געווען די גרעסטע געלעהרטע, געביל־דעטע און פּראָגרעסיווע מענשען פון דער שנעל־אויסגעוואַקסענער שטאָדט. פּרעזידענט איז געווען ד"ר פּערסיוויל, דער פערפאַ־סער פון דעם בעוואוסטען בעריכט איבער קינדערשע אַרבייט אין פאַבריק. דאַן האָט ער זיך בעקאַנט מיט ד"ר פּערסיוויל און גענומען אַנ'אַנטהייל אין צונויפשטעלען דעם בעריכט. אָווען האָט אין דער יוגענד מעהר ניט געענדיגט ווי אַנ'אָנפאַנגס־שוהלע, נאָר ער האָט אַליין פיעל געאַרבייט אויף בילדונג און אַ סך געלעזען און איז דעריבער אימשטאַנד געווען אַנ'אַנטהייל צו נעהמען אין די ליטעראַרישע פערזאַמלונגען פון דער אויסגעוועהלטער געזעלשאַפט. אָווען האָט דאָרט זעהר אָפט פערבראַכט די פרייע אָבענדען; די חברה האָט געהאַט אויף איהם אַ שטאַרקע ווירקונג און איהם צו־

געצווּנגען צוּ ווִיכטִיגערע פראַגען, ווִי דִי פראַגע וועגען אויסאַרבּייִטען דִי דִינסטע בּאַוועל.

אִין מאַנטשעסטער האָט ראָבּערט אָווען זִיך בּעקאַנט מִיט אַ מענשען, וועלכער אִיז נאָכהער בּעוואוּסט געוואָרען אויף דער גאַנצער וועלט. אִין יאָהר 1794 האָט אִין אֵיין דִירה מִיט אִיהם געדוּנגען אַ צִימער אֵיינער אַנ'אַמעריִקאַנער ראָבּערט פּוּלטאָן (דער ערפִינדער פוּן דער דאַמפּף־שִיף), דאַן נאָך אַ יוּנגער אָרִימער מענש, וועלכער אִיז געקוּמען קֵיין ענגלאַנד זוּכען אַ שוּתף מִיט געלד אויף אויסצוּפִיהרען זַיין פּלאַן וועגען מאַכען אַ מאַשִין צוּ גראָבּען ערד. דִי יוּנגע מענשען, אָווען און פּוּלטאָן, האָבּען זִיך בּעפריינדעט און אָווען האָט אִיהם געשטִיצט מִיט געלד אויף צוּ פאָהרען נאָך גלאָסטער, וואוּ מען האָט אָנגעהויבּען צוּ אַרבּייִטען אַ נייעם קאַנאַל און וואוּ פּוּלטאָן האָט געהאָפט צוּצוּפּאַסען זַיין אויסגעפּלאַנטע מאַשִין אויף ערד־גראָבּען. דִי רייזע האָט קֵיינע רעזוּלטאַטען געבּראַכט; אָבּער אַ דאַנק אָווען'ס שטִיצע האָט ער געהאַט דִי מעגליִכקייט צוּ פאָהרען אויך נאָך גלאַזגאָו, וואוּ בּעל האָט געמאַכט אויפ'ן טייַך קלייד דִי נִיט־אייַנגעגעבּענע פּראָבּען מִיט זייַן ערפִינדענעם דאַמפּף־שִיף; פּוּלטאָן האָט בּאַלד בּעמערקט אִין וואָס עס בּעשטעהען דִי פעהלערען פוּן בּעל'ס דאַמפּף־שִיף און, קוּמענדִיג צוּריק נאָך אַמעריִקאַ האָט ער פּאַקטִיש פערווִירקליִכט (נִיט בּעשאַפען) דאָס ערשטע דאַמפּף־שִיף, וועלכע האָט געלעגט דעם גרוּנד פוּן דעם גרויסען טעכנִישען צווייַג, וואָס שפּיִעלט אַזאַ ווִיכטִיגע ראָלע אִין הייַנטִיגען לעבּען. אויף אַזאַ אַרט האָט אָווען נאָר אוּנדִירעקט מִיטגעהאָלפען אויסצוּפִיהרען אֵיינע פוּן דִי גרעסטע ערפִינדוּנגען פוּן פאָרִיגען יאָהרהוּנדערט.

צוּלִיעבּ געשעפט־זאַכען אִיז אָווענ'ען אויסגעקוּמען אָפט צוּ זייַן אִין שאָטלאַנד, אִיבּערהויפּט אִין דער שטאָדט גלאַזגאָו, וועלכע אִיז שוֹין דאַן געוועזען אַ גרויסע האַנדעלס־שטאָדט. אִין אֵיינע פוּן דִי רייזעס האָט ער זִיך צוּפעלִיג בּעקאַנט מִיט אַ יוּנגע פרייַלייַן, מִיסס דעל — אַ טאָכטער פוּן אֵיינעם פוּן דִי רייַכסטע גלאַזגאָוער פאַבּרִיקאַנטען. בּאַלד בּייַ'ם ערשטען שמוּעס האָט אִיהם מִיסס דעל געפרעגט, צִי ער האָט געזעהן דעם וואַסערפאַל אויפ'ן טייַך קלייד און אִיהר פאָטער'ס פאַבּרִיק, וואָס געפִינט זִיך דאָרט; ווען ער האָט געענטפערט, אַז נִיט, האָט זִי אִיהם פאָרגעלעגט צוּ גע-

בּען אַ רעקאָמענדאַציאָנס־בּריעף צו איהרען אַ פעטער, דעם פער־וואַלטער פון פאַבּריק.

נ י ו ־ ל ע נ א ר ק איז געווען בּעוואוסט מיט איהר וועלטען שענער אָרטס־לאַגע, און ר אָ בּ ע ר ט אָ וו ע ן האָט זעהר השק געהאַט צו בּעזעצען זיך מיט מיסס ד ע ל ׳ ס פאָרשלאַג. דאָס אָרט האָט אויף איהם געמאַכט אַ וועלטען גוטען איינדרוק, און אין זיינע זכרונות דערצעהלט ער, דאָס נאָכדעם, ווי ער האָט בּעקוקט די פאַבּריק, האָט ער זיך געווענדעט צו זיין בּעגלייטער מיט פאָלגענדע ווערטער: „פון אַלץ, וואָס איך האָבּ בּיז היינט געזעהן, איז דאָס דאָזיגע אָרט דאָס פאַסענדסטע צו פערווירקליכען דעם געדאַנק, מיט וועלכען איך טראָג מיך שוין לאַנג אַרום“.

די צופעליגע בּעקאַנטשאַפט פון די יונגע מענשען האָט זיך פערוואַנדעלט אין פריינדשאַפט און, ווען זיי האָבּען שוין בּעשלאָסען זיך צו פערבּינדען, האָט נאָך אָ וו ע ן זיך ניט בּעקאַנט מיט מיסס ד ע ל ׳ ס פאָטער. ער האָט בּערעכענט, אַז דאָס בּעסטע מיטעל אויף צו שליסען בּעקאַנטשאַפט איז פאָרצולעגען איהם אָבּקויפען זיין פאַבּריק אין ניו־לענארק, וועלכע ד ע ל, זייענדיג אַלט און פערנומען מיט אַנדערע געשעפטען, האָט בּדעה געהאַט צו פערקויפען. ר אָ בּ ע ר ט אָ וו ע ן איז דאַן אַלט געווען 26 יאָהר. דער אַלטער ד ע ל האָט איהם פריהער גאָר גערעכענט פאַר אַנ׳אַפּעריסט, ער האָט זיך אָבּער נאָכהער איבּערציינגט, אַז אָ וו ע ן מיינט דאָס ערנסט, און ער האָט איינגעשטימט אָבּצוטרעטען איהם ניו־לענארק פאַר 600,000 רובּל אויסצוצאָהלען ראַטעסווייז אין משך פון 20 יאָהר. די קניה איז געשלאָסען געוואָרען אין יאָהר 1797 און ר אָ בּ ע ר ט אָ וו ע ן אַלס שותף, וועלכער בּעקומט אַ ניינטעל טייל פערדינסט, איז נאַכהער געוואָרען דער גאַנצער בּעל־הבּית און האָט געפיהרט די פאַבּריק גאַנצע 30 יאָהר, אָבּגעבּענדיג זיך דערצו מיט זיינע גאַנצע קרעפטען. אין דעם זעלבּען יאָהר האָט אָ וו ע ן החתונה געהאַט מיט מיסס ד ע ל.

ר אָ בּ ע ר ט אָ וו ע ן האָט זיך שטאַרק צוגעבּונדען צו זיין שווער און איז געוואָרען איינער פון זיינע נאָהענטסטע פריינד, הגם זיי זענען זיך שטאַרק פונאַנדערגעגאַנגען אין הינזיכט פון רעליגיאָן: ד ע ל איז געווען אַ פרומער און גלויבּיגער און אָ וו ע ן — אַ פריי־דענקער און אַ אַפּיקורוס. ד ו ד ד ע ל איז געווען פאָרשטעהער אין

מעָהר ווי 40 דיססענטערישע *) געמיינדען אין שאָטלאַנד. אָוועָן האָט געהאַלטען, אַז דער שורש פון אַלע פערשידענע רעליגיעזע סעקטען מיט זייערע פערשידענע מצוות און מנהגים איז דער גרונד־טעות — דער פרינציפּ פון גלויבען. כל זמן מענשען גלויבען נאָך, צווייפלען ניט און ווילען ניט אַלץ וויסען מיט'ן אייגענעם שכל, — זענען מעגליך פערשידענע אמונות און רעליגיעזע סעקטען.

V.

ניו־לענאַרק.

די באַוועל־פאַבריק אין ניו־לענאַרק האָט זיך גערעכענט פאַר איינע פון די גרעסטע אין שאָטלאַנד. זי איז געגרינדעט געוואָרען אין יאָהר 1785 אויף דעם דאָזיגען אָרט, צוליעב דעם וואַסערפאַל, ווייל דאַן זענען נאָך ניט געווען קיין דאַמפף־מאַשינען און מען האָט זיך געמוזט בענוצען מיט וואַסער־קראַפט. אין אַלע אַנדערע הינזיכטען האָט דאָס אָרט גאָר ניט געטויגט צו פאַבריקאַציאָן. אַרום איז געווען אַנ'אונבעאַרבייטער און ווייניג בעזעצטער קאַנט. אַרביי־טער אין פאַבריק אַריין איז דאָ זעהר שווער געווען צו קריגען. אין יאָהר 1791 האָט זיך דעל'ן איינגעגעבען איבערצורעדען עמיגראַנטען פון אַ שיף, וועלכע איז פערוואָרפען געוואָרען אַהער דורך אַ שטורם, אָבצוזאָגען זיך פון זייער רייזע נאָך אַמעריקא און בעזעצען זיך אין ניו־לענאַרק. ער האָט דאָ אויסגעבויט וואָהנונגען פאַר 200 פאַמיליען. די אַרבייטער אין פאַבריק זענען איבערהויפט בעשטאַנען פון אירלענדער און פון די איינוואָהנער אויף די שאָט־לאַנדישע בערג — אַ ווילדעס און אַ פערגרעבטעס פאָלק. אַזוי ווי אין אַלע באַוועל־פאַבריקען פון יענער צייט, האָבען אויך ביי דעל'ן געאַרבייט ביז 500 קינדער, אַנגעקליבענע פון די פריוטען, וועלכע ער האָט בעהאַנדעלט פיעל בעסער, ווי אַלע אַנדערע פאַבריקאַנטען. די דאָרפישע בעפעלקערונג האָט נאָך דאַן קיין חשק ניט געהאַט אַוועקצוואַרפען דאָס דאָרף און געהן אין פאַבריק. די פאַבריק אָבער

*) דיססענטערישע—אָפּאָזיציאָנעלע, מען רופט זיי אויך נאָנקאָנפאָרמיס־טען, זיי אַנערקענען ניט דעם פּאַפּסט און די גייסטליכע און איבערהויפט די זייטיגע צערעמאָניעס ביי תפלות.

איז געווען איינגעאָרדענט אויף מעהר ווי 2,000 אַרבייטער, אַלזאָ האָט ער ניט געהאַט די ברירה אויסצוקלייבען און געמוזט צונעהמען אַלע הויזלאָזע און וואַנדערנדע עלעמענטען — דאָס איז געווען אַ צוזאַמענמישונג פון פערשידענע פעלקער און נאַציאָנען, אַ פערגרעבטער און צולאָזענער עלעמענט, און אין דעם הינזיכט איז ניו-לענאַרק געשטאַנען נידריגער פאַר אַלע אַנדערע פאַבריקען. פערשכור'ען דעם לעצטען גראָשען, גנב'ענען איינער ביי'ם צווייטען, געשלעג און מהלוקת — זענען דאָרט געווען אַ שטענדיגע ערשיינונג. דערצו האָט זיך נאָך דאָ געמאַכט אַ צערשטערונג אין די פערהעלטניסען פון פאַמיליען לעבען. דען אַ לעהרע, וואָס דערמאַנט די אַמעריקאַנישע סעקטע מאָרמאָן, וועלכע האָט אויף אַ קורצע צייט ערשיינט אין יאָהר 1830, פאַלש איינרעדענדיג, אַז זיי שטאַמען פון יודען האָבען די מאָרמאָנען אָנגעהויבען בויען אַ נייעם בית-המקדש, געוואָלט פערפיהרען די פון גאָט צוגעזאָגטע גרויסע יודישע מלוכה איבער אַלע פעלקער, און אַזוי ווי ביי יודען האָט מען אַמאָל געקענט התונה האָבען מיט עטליכע ווייבער, האָבען זיי אויך איינגעפיהרט ביי זיך פאָליגאַמיע און געלעבט מיט עטליכע ווייבער, אַפילו מיט אשת-איש'ן; אָט די דאָזיגע לעהרע פון פאַמיליען-לעבען האָט זיך פערשפרייט אין ניו-לענאַרק און אונטער דעם אויסזיכט איז דאָרט פערשפרייט געוואָרען די מיאוס'טע אויסגעלאַסענהייט.

דער פריהערדיגער איינגענטימער האָט פערלאָרען אומזיסט פיעל מיה און אַרבייט אויף צו פערבעסערען דעם גייסטליכען צושטאַנד פון די אַרבייטער. די רעפרעסיווע מיטלען, וועלכע ווערען געוועהנליך אָנגענומען, ווי, צ. ב. ש. שטראָפען, אָבזאָגען פון דער אַרבייט א. ז. וו. האָבען גאָר ניט געהאָלפען. אין פאַבריק האָט געהערשט אַ שרעקליכע דעמאָראַליזאַציע; די קאָמערץ-זייט האָט זיך אויך געפיהרט שלעכט און דעל האָט געהאַט וועניג איינקינפטע.

צוטרעטענדיג צו אַזאַ אונטערנעהמונג, האָט אָווען פאָרגעזעהן, וואָס פאַר אַ שווערע אַרבייט איהם שטעהט פאָר. ער האָט בעדאַרפט דאָרט אויסצופיהרען אַ סאָציאַלען פערזוך פון אַ פלאַן, וועלכען ער האָט זיך אַליין געמאַכט. דאָס ערשטע האָט ער געזעהן צו בעקאָנען זיך מיט'ן שטאַנד פון דער פאַבריק אין אַלע איהרע פרטים. ער האָט זיך באַלד איבערצייגט, אַז די הויפט-סבה, וועלכע שטערט צו פערבעסערען דעם שטאַנד פון פאַבריק, שטאַמט

פון דער שלעכטער לאַגע פון די אַרבייטער אין מאַטעריעלען און מאָראַלישען זינן. קיינע זייטיגע פּראָגרעסיווע מיטלען, וועלכע וועלען ניט אָנריהרען די גרונד-סבה, וועלען ניט אימשטאַנד זיין איבערצומאַכען די אַרבייטער פאַר אַנדערע מענשען, און די הויפּט-אורזאַכע, פאַר וואָס די פאַבריק מאַכט שלעכטע געשעפטען, איז צוליעב דער פיינדליכער בעציהונג צווישען די אַרבייטער און דעם פאַבריקאַנט. ער איז געוועזען איבערציינט, אַז ריכטיגע פערענדערונגען אין דער מאַטעריעלער לאַגע פון די אַרבייטער און אין די בעדינגונגען, צווישען וועלכע זיי אַרבייטען, — וועלען ממילא ווירקען אויף זייער מאָראַלישען צושטאַנד, און נאָר אויף אַזאַ אַרט קען מען פערבעסערען די בעציהונגען זייערע צום פאַבריקאַנט. אַזוי ווי דאָס רוב פאַבריקאַנטען האָבען געקוקט אויף זייערע אַרבייטער, ווי אויף איינפאַכע אַרבייטס-געציינג, ווי אויף אַרבייטס-פיה, פון וועלכע מען קען אַרויסציהען אַ געוויסע מאָס אַרבייט, און קיין געדאַנק וועגען פערבעסערען די לאַגע פון די אַרבייטער איז זיי גאָר אין קאָפּ ניט איינגעפאַלען, — פערשטעהט זיך דעריבער, מיט וואָס פאַר אַנ'אומטרוי די אַרבייטער האָבען געקוקט אויף זייערע בעלי-בתים און אָפט, זאָגאַר ווען דער פאַבריקאַנט האָט באמת געוואָלט איינפיהרען עפּעס אַ פערבעסערונג, האָבען זיי געזעהן דערין אַ פערבעהאַלטענעם שפּיצעל, און דעריבער האָבען זיי אויך אויף אָווען'ס פּלענער געקוקט מיט השד. „ווען איך האָב דערצעהלט, זאָגט אָווען, מיינע גוטע פריינד, אַז איך וויל איינפיהרען אַ נייעם סיסטעם, וואָס איז געגרינדעט אויף רעכט און מענשען-ליעבע, און ביסלעכווייז מבטל צו זיין די שטראָפען, האָבען אַלע אין איין קול הוזק געמאַכט פון מיר, גערופען פאַנטאַזיאָר און מיט אַלע כחות זיך בעמיהט מיך איבערצוציינגען, אַז איך זאָל גאָר ניט אָנפאַנגען אַזאַ נאַרישע זאַך. איך האָב אָבער פעסט בעשלאָסען ביי זיך אין געדאַנק דעם פּלאַן און געגרייט זיך צו קעמפּפען מיט אַלע שטערונגען.

זיינע געשעפטס-שותפים זענען געוועזען געוועהנליכע סוחרים, וועלכע האָבען קיין אַנדער בעגריף ניט געהאַט, אויסער צו בעקומען פון געשעפט וואָס מעהר פערדינסט, דעריבער האָט אָווען געמוזט ביי יעדער נייער איינפיהרונג זיך רעכנען מיט זייערע אינטערעסען.

אָווען האָט אויסגעקליבען צווישען די אַרבייטער איינינע

פערשטענדליכערע און אָרענטליכערע מענשען, צו װעלכע די אַרבײַטער האָבען געהאַט צוטרױ, און געמאַכט זײ פאַר זײַנע מיטהעלפער. ער האָט אױסגעבױט אין דאָרף ניו־לענאַרק פאַר די אַרבײַטער אַ גרױסע געבײַדע מיט בעקװעמע װאָהנונגען, װעלכע ער האָט פערדינגען פאַר אַזאַ פרײַז, װאָס זאָל בלױז דעקען די אױסגאַבען אױפ'ן בױען פון דעם הױז, ניט טראָגענדיג דערבײַ קײן שום אײַנקינפט. דער גרעסטער טײל אַרבײַטער, װעלכע האָבען ביז אַהער געװאָהנט אין שמוציגע, פינסטערע און לופטלאָזע דירות, האָבען באַלד בעמערקט די נוצען פון אָ װ ע ן'ס פאָרשלאַג, זײ האָבען זיך איבערצײַגט, אַז ער האָט בײַ דעם קײן זײַטיגע פניה ניט, און האָבען ביסלעכװײַז אָנגעהױבען אַרײַנצוציהען זיך אין די נײַע דירות. די גוטע װירקונג פון די נײַע דירות האָט זיך אַרױסגעװיזען ניט בלױז אױפ'ן געזונד פון די אַרבײַטער און זײערע קינדער, נאָר דאָס האָט אױך מיטגעהאָלפען צו פערשפרײַטען צװישען זײ די געװאָהנהײַט צו רײנקײַט און אָרדנונג.

די אַרבײַטער פלעגען קױפען אַלע נױטיגע פראָדוקטען בײַ די קרעמערלעך און די קלײנע סוחרים'לעך, װעלכע האָבען גענומען צװײ מאָל אַזױ טײַער פאַר שלעכטע סחורה. אָ װ ע ן האָט אָנגעהױבען אײַנצוקױפען פאַר מזומן געלד פון די ערשטע הענד אַלע נױטיגע לעבענס־געברױכע, ער איז אױך אַרײַן אין אַ בעשלוס מיט די אַרומיגע פערמערס צו צושטעלען פאַר אַ ביליגען פרײַז פרישע מילך, אײער, גרינס, הײץ־מאַטעריאַל א. ד. ג. און האָט געעפענט אין ניו־לענאַרק שפײַכלערס און געװעלבען, װאו די אַרבײַטער האָבען געקענט בעקומען אױף קרן (מיט אַ קלײנעם פראָצענט אױפ'ן קאַפיטאַל און אױסהאַלטען די קראָמען) אַלע הױפט־נױטיגע זאַכען. אָ װ ע ן האָט דאָ געמוזט אױסשטעהן אַ שטרײַט פון אײן זײַט מיט די קרעמער און סוחרים'לעך און פון דער צװײטער — מיט די אײַנבילדונג און השד פון די אַרבײַטער, װעלכע האָבען זיך אױף קײן אַרט ניט געקענט פאָרשטעלען, אַז אַ פאַבריקאַנט זאָל אַזאַ זאַך טהון ערנסט, ניט האָבענדיג דערבײַ אַנ'אַנדערע זײַטיגע פניה. שװערער פון אַלעם איז געװען דער קאַמפף מיט שכרות, װאָס איז געװען שטאַרק פערשפרײַט צװישען די אַרבײַטער. דאָס דאָרף איז געװען פול בעזעצט מיט שענקען, אין װעלכע די אַרבײַטער האָבען פערשכור'ט זײער גרעסטען טײל פערדינסט; װען דער שענקער האָט ניט געװאָלט

געבּען אויף בּאָרג, האָבּען זיי גע׳גנב׳ט איינער בּיים צווייטען אָדער אין פּערזעצט אין שענק, וואו זיי האָבּען זיך אָנגעשכּור׳ט, ווי לוט. ס׳פּערשטעהט זיך, אַז בּיי אַזעלכע בּעדינגונגען — אַ צערשטערט פּאַמיליען־לעבּען, שווערע אַרבּייט, שטענדיג פּערשכּור׳ט — האָט דער אַרבּייטער פּערלאָרען יעדען בּעגריף וועגען זיין מענשליכען ווערטה, און דאָס לעבּען אין ניי־לענאַרק, צווישען דער ענטציקענדער נאַטור, האָט זיך פּערוואַנדעלט אין אַ אמת׳ן גיהנם אויף דר׳ערד.

צווישען די פּערשידענע מיטלען, וואָס אָווען האָט אָנגעווענדעט, אום אָבּצוגעוואָהנען זיי פון שכּרות, האָט ניט וועניג מיטגעהאָלפען די אַלגעמיינע קיך פאַר בּחורים (וואו זיי האָבּען פאַר אַ בּיליגען פּרייז בּעקומען פרישעס און געזונדעס עסען), וועלכע זענען בּיז אַהער געוועזען שטענדיגע געסט אין שענק.

אויך הומאַניש און פּראַקטיש איז איינגעאָרדענט געוואָרען די אַרבּייט אין פאַבּריק. שטראָפען האָט מען אין גאַנצען מבטל געמאַכט; מען האָט געצאָהלט גוטע פּרייזען, און אָווען האָט זיי ערקלערט, אַז וואָס בּעסער עס וועט זיין די אַרבּייט, אַלץ העכער וועט זיין דער פּרייז פון די סחורה, און ער וועט אַלץ מעהר קענען זאָרגען, ווי צו פּערבּעסערען די לאַגע פון די אַרבּייטער. ער האָט פון זיי ניט בּעהאַלטען דעם אמת, אַז אויך די איינגענטהימער פון פאַבּריק וועלען האָבּען דערפון ניצען; אָבּער, אָנגעוויזענדיג אויף דעם, וואָס ער האָט שוין פאַר די אַרבּייטער געטהון, און וואָס ער טהוט ווייטער, האָט ער געקענט מיט אַ ריינעם געוויסען זאָגען, אַז די פאַבּריק זעלבּסט איז פאַר איהם ניט מעהר, ווי אַ מיטעל צו זיין ציעל, און זיין ציעל איז געוועזען אויסצופיהרען די אויפגאַבּע, אַז דורך דער אַרבּייט, וועלכע איז בּיז אַהער געוועזען אַ מין קללה אויפ׳ן אַרבּייטער, זאָל געשאַפען ווערען פאַר׳ן אַרבּייטער און דעם גאַנצען מענשליכען געשלעכט אַזאַ מין עקזיסטענץ, ווי עס פּאַסט פאַר דעם מענשליכען ווערטה.

אָווען אַלס געגנער פון רעפּרעסיווע צווינגענדע מיטלען, האָט איינגעפיהרט אין פאַבּריק אויפזעהער פון צווישען די אַרבּייטער גופא, קיין עקסטרע מייסטערס, וועלכע פּערשרייבּען שטראָף, איז בּיי איהם ניט געוועזען.

דער גאַנצער סיסטעם, פלייסיג דורכגעפיהרט אין אַלע איינצעלהייטען דורך איהם זעלבּסט, האָט גיך געבּראַכט גוטע פרוכט. אין

משך פון זעקס יאָהר, צוזאַמען מיט'ן פערבעסערען די לאַגע פון די אַרבייטער, האָט די שכירות און גנבה אויפגעהערט און דער מאָראַלישער צושטאַנד זייערער האָט זיך אויפגעהויבען גאַר הויך.

אין קריזיס־יאָהר 1806, ווען אַמעריקאַ האָט פערבאָטען אַרויסצופיהרען רויהע באַוועל נאָך ענגלאַנד, איז אָווען, ווי פיעל אַנדערע פאַבריקאַנטען, געצוואונגען געווען צו צומאַכען די פאַבריק; אָבער די גאַנצע פיער מאָנאַטען, וואָס די פאַבריק איז געשטאַנען לעדיג, האָט ער די אַרבייטער געצאָהלט געהאַלט. דער פאַקט האָט איהם אינגאַנצען ערוואָרבען די ליעבע און צוטרוי פון די אַרבייטער, וועלכע זענען שוין פון דאַן אָן געגאַנגען מיט איהם האַנד אין האַנד ביי אַלע זיינע אָרדענונגען און רעפאָרמען. יעצט איז איהם פאָרגעשטאַנען אַ קאַמפף מיט זיינע שותפים פון פאַבריק. ביז אַהער איז זיין גאַנצע אַרבייט אָנגעשטרענגט געווען דערהויפט אויף צו פערבעסערען די מאַטעריאַלע לאַגע פון זיינע פאַבריק־אַרבייטער און אויפצוהויבען זייער מאָראַלישען שטאַנד. די אַלע מיטלען, וועלכע ער האָט דאַצו אָנגעווענדעט אין דער צייט פון 8 יאָהר, האָבען ניט געפאָדערט קיין גרויסע אויסגאַבען. אָבער דאָס אַלעס איז נאָך ניט געווען זיין הויפט־ציעל. ביי איהם אין געדאַנקען האָט זיך שוין לאַנג אויסגעאַרבייט אַ גאַנצער סאָציאַלער סיסטעם. אַ נייע אַנזיכט איבער דער אָרדנונג פון דער געזעלשאַפט. ביי איהם האָט זיך שוין דאַן אָנגעהויבען צו דרעהען אין קאָפּ די פראַגע איבערן פאַקט וועלכען ער האָט מיט ציפער בעוויזען אין יאָהר 1827, נעמליך, אַז ענגלאַנד אַ דאַנק נאָר די וויסענשאַפט, וועלכע האָט אויסגעפונען די מאַשינען איז אים שטאַנד אַזוי פיעל פראָדוקטען אויסצואַרבייטען, וויפיעל ווען אָהן מאַשינען וואָלט ענגלאַנד געהאַט נאָך פיער הונדערט מיליאָן אַרבייטער, אויסער איהר איצטיגער אַרבייטער־בעפעלקערונג, אָדער, ווי ווען פאַר יעדען ענגלישען אַרבייטער וואָלטען געאַרבייט פון פריה ביז נאַכט אַכציג שקלאַפען, וועלכע דאַרפען קיין שפייז און קליידונג, מיט אַנדערע ווערטער: די אַרבייט איז דאַן שוין געוואָרען פראָדוקטיווער אויף אַכציג מאָל. און דאָס איז צו פערדאַנקען בלויז דער קולטור און דער וויסענשאַפט, וועלכע געהערט צו דער גאַנצער מענשהייט. אין יעדער מאַשין געפינט זיך די קולטור פון טויזענדער יאָהרען פריהער. נאָר אַ דאַנק דער פריהערדיגער קולטור און די פריהערדיגע ערוואָרבענע וויסענשאַפטען, איז דער ערפינדער אימ־

שטאַנד געווען אָט אין דער ראָזינגער צײַט אויסצוקלערען די מאַשין. אויף דער קולטור און וויסענשאַפט זענען אַלע גלײַכע יורשים. אונזער אַלעמענס אָבות-אָבותינו׳ס אַרבּײַט געפינט זיך אין דעם, הײַנט פאַרוואָס בּענוצט זיך מיט איהר גוטס אַזאַ קליינע צאָהל מענשען. אָווען האָט בּעשלאָסען איבּערצוענדערען די אונרעכטליכע אָרדנונג, מאַכען אַ סדר פון רעכט און יושר און בּעווײַזען פריהער פּאַקטיש די מעגליכקײַט פון אַזאַ אָרדנונג. ניו-לענאַרק איז געווען פאַר איהם די ערשטע סטאַציע, אַנאָרט אויף צו מאַכען די ערשטע פּראָבּע פון זײַן בּעקלערטע סאָציאַלע רעפאָרמע, וועלכע שטרעבּט גליקליך צו מאַכען אַלע מענשען. דאָס מיטעל דערצו איז נאָך זײַן מיינונג געווען איבּערהויפּט — די אויסבּעסערונג פון מענשליכען האַראַקטער.

איינע פון די הויפּט-טײלען פון זײַן טעאָריע וועגען דער אויסבּילדונג פון מענשליכען האַראַקטער, איז געווען אַ פערנונפטע קינדער-ערציהונג און דאָס איז געווען דער יסוד פון זײַן גאַנצע אַרבּײַט אין ניו-לענאַרק. אום צו פערווירקליכען די דאָזיגע הויפּט-אידעע, האָט מען צו׳ם ערשטען געבּרויכט אויסבּויען אַ געבּײַדע מיט אַלע נויטיגע אײַנריכטונגען אויף צו ערציהען און לערנען דאָרט קינדער, אָנהויבּענדיג פון 2-יעהריגע. די געבּײַדע מיט די אײַנריכטונגען האָבּען געבּרויכט צו קאָסטען בּיז 50,000 רובּל, אויסער אַ שטענדיגע יעהרליכע אויסגאַבּע אויף אויסצוהאַלטען דעם אַנשטאַלט. עס פערשטעהט זיך, אַז זײַנע שותּפים, סוחרים, וועלכע האָבּען נאָר אין זינען געהאַט וואָס מעהר אײַנקונפט פון געשעפט צו בּעקומען, און ניט דורך איהם גליקליך צו מאַכען די מענשהײַט, האָט זיי טאַקי געקענט געפעלען זײַן אידעע, אָבּער זיי האָט פאָרט בּעסער געשמעקט דאָס געלד און האָבּען דאַדורך ניט אײַנגעשטימט אויף זײַן אויפגאַבּע. אָווען האָט זיי אויף געוויסע בּעדינגונגען אויסגעצאָהלט זייערע חלקים און אין יאָהר 1809 איז ער געוואָרען אַליין דער בּעל-הַבּית פון ניו-לענאַרק. זײַן קאַפּיטאַל איז אָבּער געווען ווייניג אויף צו פיהרען אַזאַ גרויס געשעפט און ער האָט געמוזט צונעהמען נײַע שותּפים, וועלכע זענען געווען, ווי עס האָט זיך נאַכהער אַרויסגעוויזען, נאָך מעהר ווי די פריהערדיגע שותּפים ניט צופריעדען פון זײַנע רעפאָרמען. ניט קענענדיג אַריבּערטראָגען די מחלוקת, איז ער

בען געמיינט, אז ער האט זיך שוין איננאנצען איבערגעגעבען בלויז צו די „פילאנטראפישע פאנטאזיעס“ און האבען אזוי ספעקולירט, אז די פאבריק זאל פערקויפט ווערען פער אויקציאן און זיי זאלען זי קענען אפקויפען פאר א קליינע סומע. אוועז האט אבער נאך גאר ניט געקלערט אוועקצווארפען זיין פלאן, וועלכער איז ביי איהם געווען פערבונדען מיט זיין אייגען לעבען. ער האט געבראכט מיט זיך דעם מאנוסקריפט פון זיין ווערק „די אויסבילדונג פונ'ם מענשליכען האראקטער“, אין וועלכען ער האט אויך בעשריבען די רעזולטאטען פון זיין ארבייט אין ניו־לענארק און האט עס פארגעלעגען זיינע בעקאנטע, מענשען, וועלכע האבען זיך אויסגעצייכענט מיט הויכע אידעען און פילאנטראפישע געפיהלען.

„איך האב געהאט אין זינען — זאגט אוועז, — צוציהען אזעלכע שותפים, וועלכע זאלען מיר העלפען אויסצופיהרען מיין פלאן און ניט פערלאנגען פון די ארבייטער פאר א קליינעם פרייז שווער צו ארבייטען. אזעלכע מענשען האב איך געפונען“.

צווישען די פערזאנען, וועלכע זענען צוגעשטאנען צו אוועז'ען, זענען געווען איניגע מיטגליעדער פון דער סעקטע קוואקערס, וואס אידהרע מיטגליעדער זענען בעוואוסט מיט זייער פילאנטראפיע, לעבען מאראליש, ניט טהון קיין שלעכטס און ארבייטען פאר'ן צווייטען. צווישען זיי איז געווען אויך דער בעוואוסטער ווילי אם אללען, איינער פון די גרעסטע פילאנטראפען אין יענער צייט, ער איז געווען איינער פון די ערשטע, וועלכע זענען צוגעשטאנען צו ווילבערפארס'ען אין זיין שטרייט געגען די שקלאפעריי אין די ענגלישע קאלאניעס פון מזרח־אינדיען. אוועז איז זעהר צופריעדען געווען, וואס ער האט בעקומען אזא וויכטיגען מענשען פאר א מיטהעלפער אויף אויסצופיהרען זיין פלאן, צו מאכען די ערשטע פראקטישע פראבע פון גליקליך מאכען די מענשהייט; אבער אס ענדע האבען זיי זיך צושיידט איבער רעליגיעזע פונקטען. אללען, אלס פרומער, האט געוואלט, אז די שוהלען זאלען זיין געגרינדעט אויפ'ן רעליגיעזען באדען, אוועז אבער, זייענדיג א פרייםדענקער און האלטענדיג, אז רעליגיאן איז א שטערונג צו דער פעראייניגונג פון מענשען צו'ם אלגעמיינעם פריעדליכען לעבען, — האט ניט געקענט איינשטימען דערויף.

ווען דער נויטיגער קאַפּיטאַל פון אַ מיליאָן רובל איז צונויפגעקליבען געוואָרען, איז אָווען מיט זיינע שותפים אַוועק נאָך גלאַזגוי, אָבגעקויפט דאָרט אויפ'ן אויקציאָן ניו-לענאַרק און אַהין געקומען. די אַרבייטער האָבען זיך מיט אָווענ'ען זעהר שטאַרק דערפרעהט.

VI.

די אויסבילדונג פון מענשליכען חאראקטער.

פיער אַרטיקלען, וואָס ראָבערט אָווען האָט אָנגעשריבען אין דער צייט פון יאָהר 1810—13, וועלכע הייסען ביי איהם „צייכנונגען וועגען אויסבילדען דעם מענשליכען האַראַקטער", ענטהאַלטען אין זיך דעם יסוד פון זיין סיסטעם איבער די ערציהונג פון מענשען, וועלכע ער האָט געשטרעבט אויסצופיהרען אין ניו-לענאַרק, און דעם גרונד פון אַלע זיינע אַנשויאונגען איבער דער געמיינשאַפטליכער אָרדנונג. די אידעען זענען ביי איהם שוין לאַנג געבוירען געוואָרען אין געדאַנקען, און אין ניו-לענאַרק האָבען זיי זיך ביי איהם איינגאַנצען ענטוויקעלט.

אין דעם גרונד פון זיינע מיינונגען איז געלעגען די איבערצייגונג, אַז דער מענש האָט קיין אייגענע בחירה ניט און אַז אַלע זיינע מעשים זענען אָבהענגיג פון דער אַרומיגער געזעלשאַפט און פון די אַרומיגע אומשטענדען. בעת'ן געבוירען איז דער מענש בעשאָנקען פון דער נאַטור מיט געוויסע פעהיגקייטען, וועלכע זענען נאַכהער אונטערגעוואָרפען אונטער דער ווירקונג פון פערשיעדענע אומשטענדען, פאַר וועלכע דער מענש אַליין איז גאָר ניט פעראַנטוואָרטליך. פון דער ווירקונג פון זיין אַרומיגער געזעלשאַפט איז אָבהענגיג דאָס אויסבילדען פון זיין האַראַקטער און זיינע מעשים, וועלכע נוצען אָדער שאָדען איהם און דער געזעלשאַפט. אַבסאָלוטע פרייהייט פון ווילען, בחירה, עקזיסטירט ניט, דעריבער קען דער מענש ניט זיין פעראַנטוואָרטליך פאַר זיינע איבערצייגונגען און פאַר זיינע טהאַטען. פעראַנטוואָרטליך פאַר דעם מענשענס מעשים איז נאָר די געזעלשאַפט, אין וועלכער דער מענש איז אויסגעוואַקסען און בעקומען זיין ענטוויקלונג. איבעראַנדערשען דעם מענש-

ליכען האראקטער איז נאר מעגליך דאן, ווען מען וועט איבער-אנדערשען די סביבה, אין וועלכער דער מענש לעבט. דער גרעס-טער טייל פון דער מענשליכער געזעלשאפט לעבט אבער אין די ערגסטע בעדינגונגען, סיי מאטעריעליש, סיי מאראליש, און דער-ביי בענוצט זיך מיט דעם גאנצען גוטס, וואס ער בעשאפט, נאר א קליינער פריוויליגירטער קלאס, איז דעריבער די פערענדערונג פון מענשליכען האראקטער צו גוטען מעגליך נאר דאן, ווען עס וועט פערבעסערט ווערען די מאטעריעלע לאגע פון דעם גרויסען אר-ביטענדען קלאס און ווען מען וועט ערציהען נייע דורות אויף נייע פערנונפטע יסודות. דער גרונד-מאטיוו פון אלע מענשליכע מעשים ליעגט אינ'ם שטרעבען צו'ם אייגענעם פערזענליכען גליק, וועלכעס איז מעגליך צו דערגרייכען נאר מיטהעלפענדיג גליקליך צו מאכען די גאנצע מענשהייט; און דער דאזיגער פרינציפ דארף אנגענומען ווערען פאר א יסוד ביי דעם נייעם סיסטעם פון ערציהונג. די וואהלהא-בענדע און די ענטוויקעלטע קלאסען פון דער געזעלשאפט מיט דער רעגירונג אין דער שפיץ ווערען געפאדערט צו פערווירקלי-כען די דאזיגע גרויסע ארבייט, וועלכע וועט מאכען אנ'ענדע פון די מאטעריעלע און מאראלע גרויזאמקייטען, אין וועלכע עס לעבט די היינטיגע מענשהייט.

דאס זענען די הויפט-פונקטען פון אווען'ס בוך. זיי ענט-האלטען אין זיך קיין נייעס ניט, אבער אווען איז געוועזען דער ערשטער, וועלכער האט די אלע פונקטען געארדענט אין א גע-וויסען סיסטעם, דורך דעם, וואס ער האט עס געפרובט איינפיה-רען אין ווירקליכען לעבען און געשטרייט מיט די שרעקליכע ער-שיינונגען, וועלכע עס איז איהם אליין פארגעקומען צו זעהן. די פונקטען זענען ביי איהם ניט געווען א ריין טעארעטישע פראגע צו מפלפל זיין זיך, נאר א ווירקליכקייט פון לעבען. אווען ווענ-דעט זיך דערביי צו מענשען מיט דיזע ווערטער:

„איהר זענט קינדער פון איין פאטער, וועלכען יעדער פון אייך דיענט אונטער אנדערע פערשידענע נעמען... נאר איהר פערגעסט עס אין איערע בעציהונגען צווישען זיך, און אנשטאט הילף און ליעבע, דריקט איהר און האסט איינער דעם צווייטען, דערפאר בלויז, וואס דער קאליר פון הויט איז אנ'אנדערער; דא-דורך בלויז, וואס ביי אייך זענען אנדערע רעליגיעזע בעגריפען און

צערעמאָניעס; צוליעב דעם, וואָס איהר רעדט אויף אַנדערע שפּראַ-
כען און האַלט אייך בּיי אַנדערע מנהגים; דאַן, ווען איהר זאָלט
אָבער גוט פּערשטעהן איינער דעם צווייטען און זיין בּעקאַנט מיט
די איינפאַכע געזעצען פון אייער עקזיסטענץ, וואָלט איהר זיך אי-
בּערצייגט, אַז פון אייך זעלבּסט זענען גאָר ניט אָבּהענגיג די אונ-
טערשיידונגען, דורך וועלכע איהר האַסט איינער דעם צווייטען. דער
קאָליר פון אייער הויט, אייערע רעליגיעזע בּעגריפען און צערע-
מאָניעס, אייער שפּראַך און מנהגים — דאָס אַלץ האָט איהר בּע-
קומען אַליין, ניט אָבּהענגיג פון אייער ווילען און הסכמה".

„איהר זענט שקלאַפען פון די אָדער אַנדערע אַבּערגלויבּונ-
גען אויך ניט דורך אייער אייגענעם פריהערדיגען רצון דערצו. פון
אייך איז ניט אָבּהענגיג געווען אויסצוקלייבּען דאָס לאַנד אָדער די
רעליגיאָן פון אייערע עלטערען — צי איהר זאָלט זיין בּודיסטען,
אידען, קריסטען אָדער מאַהמעדאַנער. איהר האָט אויך ניט גע-
קענט אויסקלייבּען אייער צוקונפטיגע שפּראַך אָדער די זיטען, אין
וועלכע אייך איז אויסגעקומען צו לעבּען. אייער האַראַקטער האָט
זיך אויסגעבּילדעט גאָר אָהן אייער ווילען דערבּיי, נאָר אונטער דער
ווירקונג פון די אַרומיגע קרייזען, וועלכע רינגלען אייך אַרום. אַלזאָ,
אָנשטאָט דעם, וואָס איהר זאָלט האַסען, פעראַכטען און הרג'ע-
נען איינער דעם צווייטען, דאַרפט איהר זיך האַלטען בּיי דעם ריכ-
טיגען אמת. וואָס יעדער קען זעהן, ווען ער וויל נאָר זעהן: —
איבּערנעהמען אַלעס גוטעס און ריכטיגעס, וואָס ענטהאַלט אין זיך
יעדער פון אייך, ניט קוקענדיג אויף אייער אויסענווייניגסטען הלוק,
און דורך פערנונפטע ערציהונג ענטוויקלען די גוטע מעלות אין
מענשען, וועלכע זיי אַליין קענען מיטהעלפען צו'ם גליק פון דער
גאַנצער מענשהייט".

אין דעם יסוד פון אָווען'ס טהעטיגקייט צו ערציהען קינ-
דער ליגט ניט בּלויז אַ פילאַנטראָפּיש געפיהל פון אַ גוטען מענ-
שען, אַ בּעל-רחמים. ער האָט גרונדליך אויסגעלערנט די זאַך און
געקומען צו דער איבּערצייגונג, אַז ערציהען די פרישע דורות אויף
גוטע געזעלשאַפטליכע נייגונגען און געפיהלען איז די וויכטיגסטע
אַרבּייט, וועלכער אַ מענש קען זיך איבּערגעבּען. ער האָט מיט
שרעק געזעהן, ווי אַרום איהם ווערען פערפאַלען אויף יעדען טריט
מענשליכע פעהיגקייטען און אַרבּייט, אַ דאַנק נאָר דער שרעקלי-

כער גלייכגילטיגקייט פון דער געזעלשאפט צו דער ערציהונג פון קינדער.

ראבערט אווען האט געשטרעבט דערצו, אז די פראגע וועגען ענטוויקלען די פרישע צוקונפטיגע דורות זאל ווערען אנ'אל-געמיינע נאציאנאלע זאך, די רעגירונג מיט די העכערע קלאסען זאלען שטעהן אין דער שפיץ פון דער בעוועגונג און אז דאס סיסטעם פון דער ערציהונג זאל זיין געבויט אויף גוטע, פער-נונפטיגע יסודות. זיין מאראלישע געפיהל איז געווען אויפגערעגט און האט ניט געקענט פערטראגען, וואס דאס שנעל-אויסגעוואקסענע רייכטום, דורך די ניי-ערקלערטע מאשינען, האט נאר געבראכט דער-צו, אז עס איז אויסגעוואקסען א קליינער, שטארקער קלאס קאפי-טאליסטען; דאן, ווען די אמת'ע קראפט, וואס דער נייער פרא-דוקציאנס-אופן ענטהאלט אין זיך — צו פערבעסערען אלעמענס לא-גע — איז פערלארען געגאנגען פאר'ן גרעסטען טייל און זי העלפט נאך אליין צו דעם דאזיגען גרעסטען טייל אין גאנצען צו פערשקלאפען. דורכגענומען מיט דעם דאזיגען געדאנק, האט ער זיך מיט היץ און ענערגיע גענומען צו דער ארבייט פון ערציהען נייע דורות מיט נייע געדאנקען און נייע געפיהלען פון אמת, יושר און רעכט, וועהענדיג אין דעם מיטעל די איינציגע האפנונג צו ברענגען די ישועה פאר דער געזעלשאפט. „יעדע מינוט שטארבט א מענש, יעדע מינוט ווערט געבוירען א מענש". — די ווערטער האבען געהאט פאר איהם א גרויסע בעדייטונג, און עס האט איהם געשוידערט ביי דעם גע-דאנק, וואס עס איז ארויסגעקומען פון אנ'אונשולדיג עופ'עלע, וועל-כעס איז באלד פון זיין ערשטען ערשיינען אויף דער וועלט ארונ-טערגעווארפען אונטער דער שלעכטער ווירקונג פון דער ארדנונג, אין וועלכער ער איז אויסגעוואקסען און אלט געווארען.

זיינע בילדונגס-אנשטאלטען אין ניו-לענארק זענען געוועזען גע-גרינדעט אויף איינציגע שטרענג אויסגעארבייטע יסודות, וועלכע זע-נען געלעגען אין גרונד-סיסטעם פון זיין אויסגעפלאנירטער נייער גע-זעלשאפטליכער ארדנונג, וועלכע ער ערקלערט מיט אלע פרטים אין זיין ווערק: „דאס בוך פון דער נייער מאראלישער וועלט". אום בעסער צו פערשטעהן זיין ערציהונגס-טהעטיגקייט איז וויכטיג צו ברענגען דא איינציגע פון זיינע גרונד-אידעען:

1) דער מענש איז א צוזאמענמישונג פון ארגאנישע פעהיג-

קיטען, וואָס ער בעקומט ביים געבוירען ווערען און וואָס ענדערען זיך א ביסעל אונטער דער ווירקונג פון אויסערע בעדינגונגען. פון געבורטס־טאָג אָן ביז׳ן טויט געפינען זיך די מיטגעבוירענע נאַטור־איינענשאַפטען מיט די ערוואָרבענע פון אויסערן אין א געגענזייטי־גער ווירקונג.

2) לויט זיין ערשטע אָרגאַניזאַציע, וועלכע בעשטימט שוין דערמיט זיין כאַראַקטער, זענען די אַלע בעגריפען און געפיהלען, וועלכע ענטוויקלען זיך אין מענשען, ניט אָבהענגיג פון זיין בחירה.

3) זיינע געפיהלען און איבערצייגונגען, וועלכע האָבען זיך אַליין אָהן זיין ווילען ענטוויקעלט אין איהם, בילדען עס אָט די בעוועגונג צו טהאַטען, וועלכע מיר רופען על פי טעות „בחירה“ און וואָס אונטער איהר ווירקונג קומען פאָר זיינע אַלע מעשׂים.

4) פונדעסטוועגען קען די נאַטור פון יעדען קינד — אויסער אויסנאַהמסווייזע, ביי אָרגאַנישע פעהלערען — זיך אויף אַזוי פיעל איבערטוישען, אַז פון איהם זאָל אַרויסקומען אַ גוטעס אָדער שלעכ־טעס וועזען, אונטער דער ווירקונג פון די אַרומיגע בעדינגונגען, וועל־כע ווירקען אויף איהם אָהן אַנ׳אויפהער פון געבורטס־טאָג אָן.

ווי מיר האָבען שוין געזאָגט, זענען זיינע אידעען איבער דער ווירקונג אויפ׳ן מענשען פון די פהיזישע און מאָראַלישע אומשטענ־דען קיין נייעס ניט געוועזען, און עס איז שוין פריהער ניט איינ־מאָל פון אַנדערע דאָסזעלבע אַרויסגעזאָגט געוואָרען. אָבער ראָ־בערט אָווען האָט זיך דער ערשטער געפרובט מיט ווערטער און טהאַטען דורכצופיהרען די וואַרהייטען אין לעבען און אין דער ערציהונג פון די צוקינפטיגע דורות, אַלס דאָס בעסטע מיטעל צו בעפעסטיגען גוטע געפיהלען צווישען מענשען און מאַכען אַ סוף צו דער שטענדיגער מחלוקת און שנאה, וועלכע האָט זיך נאָך פערשטאַרקט מיט דעם נייעם אינדוסטריעלען סיסטעם. זיין פעס־טעס גלויבען אין אַ גיכער פערווירקליכונג פון זיינע פלאַנירטע סאָ־ציאַלע רעפאָרמען, — פון וואָס איהם איז נאַכהער אויסגעקומען פיעל צו ליידען פון ענטציובערונג — האָט ניט געשטאַמט פון גאווה׳־שען גלויבען, אַז ער האָט ערפונדען אַ נייעס, נאָר פון זיין אינער־ליכער איבערצייגונג, דאָס נאָר מיט אַזאַ וועג, אָנהויבענדיג פון אַ פערנונפטע ערציהונג, ווען דאָס קינד איז נאָך גאָר קליין, און אַריינ־טראָגענדיג די אידעע פון אמת און יושר אין פאַמיליען־קרייז און

אין אַלע אײנפאַכע מענשליכע בעציהונגען, קען מען דערגרייכען די גרונדליכע פערבעסערונג אין דער גאַנצער איצטיגער הערשענ־דער אָרדנונג פון דער מענשליכער געזעלשאַפט.

מיר ברענגען דאָ איניגע ציטאַטען פון זײן װערק:

„אונזער ערציהונג — זאָגט ער — האָט אונז אײנגעװעהנט, אַז מען זאָל גאָר אָהן אַ שום קלער אױסגעבען מיליאָנען אױף צו ענטדעקען און בעשטראָפען פערברעכענס... און מיר האָבען נאָך ניט געמאַכט אַ טריט אױפ׳ן אֶמת׳ען װעג פון פערמײַדען פערברע־כען און פערקלענערען די צאָהל אונגליקען, פון װעלכע די מענש־הײַט לײַדעט אַזױ פיעל״.

. . . .

„װען די ריכטער און דיינים װאָלטען געבױרען געװאָרען צװי־שען דער אָרימער און דעמאָראַליזירטער בעפעלקערונג, דאַן װאָל־טען זײ טאַקי צוליעב זײערע געבױרענע פעהיגקײַטען שױן לאַנג געשטאַנען אין דער שפיץ פון אַ פערברעכערישער מלאכה, און טאַקי דורך זײער פעהיגערן שכל װאָלטען זײ געזעסען אין טור־מע, געװען פערשיקט, אָדער גאָר געטױט״.

„זאָלען די געפיהלען פון מענשען־ליעבע און יושר אַײַך דער־װעקען דערצו, אַז איהר זאָלט בעזוכען די טורמעס און געדולדיג פונאַנדערפרעגען די אַרעסטירטע איבער פערשידענע געשיכטען אין זײער לעבען און אין לעבען פון זײער קרײַז. די געשיכטען װאָל־טען ענטדעקט פאַר אײערע אױגען אַזאַ מאַסע לײַדען, אָרעמקײַט און אונרעכט, װאָס איהר װאָלט אַײַך ניט געקאָנט פאָרשטעלען, עס זאָל אַזעלכעס עקזיסטירען אין אַ ציװיליזירטען לאַנד. דאַן װאָלט איהר ערשט פערשטאַנען, װאו עס ליעגט די ריכטיגע סבה פון זײער פערברעכערײַ״.

„זאָגט ניט, אַז עס איז אונמעגליך צו בעזײַטיגען אַלע שלעכ־טע און שעדליכע מעשים, אַז מען קען ניט אױף אַזױ פיעל אי־בעראַנדערשען דעם צוקונפטיגען דור, עס זאָלען בײַ איהם ניט פאָרקומען קײן פערברעכענס. בעזײַטיגט נאָר די בעדינגונגען, װעל־כע װירקען, אַז די פערברעכערײַ זאָל געשעהן — און פערברעכערײַ װעט אױפהערען״.

אין אײן אָרט װענדעט ער זיך צו די פאַבריקאַנטען מיט אַזעלכע װערטער: „פיעל פון אײַך האָבען זיך שױן לאַנג איבער־

צײַנט אין דעם נוצען פון אַ גוטע מאַשין. דאָסועלבע האָט אײַך שוין די פּראַקטיק בעוויזען דעם פערשידענעם רעזולטאַט, וואָס מען בעקומט פון אַ מעהאַניזם, וועלכען מען האַלט אין אָרדנונג, און אַ מעהאַניזם, אויף וועלכען מען גיעט ניט אַכטונג".

„פון דאַן אָן, ווי עס זענען אומעטום, אַזוי ווי אין ענגלאַנד, אײַנגעפיהרט געוואָרען מאַשינען, האָט מען אויפ'ן מענשען אָנגעהויבען צו קוקען, ווי אויף אַ מאַשין פון דער צווייטער מדרגה אָדער גאָר אַ נידריגער. מען האָט מעהר גענומען אין אַכט צו פערפאָלקאָמען האָלץ, מעטאַל און רויהע פּראָדוקטען, ווי דעם מענשענס גוף און נשמה... צי דען קענט איהר ניט בעמערקען דעם נוצען, וואָס איהר וועט האָבען פון קאַפּיטאַל, וועלכען איהר וועט אויסגעבען אויף צו פערבעסערען די לעבעדיגע מאַשינען?"

דערצעהלענדיג, ווי אַזוי מען האָט בײַ איהם אין ניו־לענאַרק געלערנט און ערצויגען די קינדער, וועלכע האָבען געברויכט דיענען פאַר אַ בײַשפּיעל, אַז עס איז מעגליך צו מאַכען דורך גוטע ערציהונג אַ דור פון נוטע און אָרענטליכע מענשען, ערקלערט ער, וואָס איז דער ציעל פון ערציהונג. ער זאָגט:

„ווי נאָר דער יונגער שכל ווערט אַ ביסעל צײַטיג, ברויך דער לעהרער בײַ יעדען מעגליכען צופאַל ערקלערען דעם קינד דעם צוזאַמענהאַנג צווישען דעם נוצען און גליק פון יחיד און רבים, צווישען דעם נוצען און גליק פון יעדער איינצעלנער פערזאָן מיט'ן גליק פון דער גאַנצער געזעלשאַפט. דער דאָזיגער כלל ברויך צו זײַן דער הויפּט־יסוד פון יעדער בילדונג. ביסלעכווײַז וועט דער כלל ווערען פאַר'ן שילער אַזוי פערשטענדליך און קלאָר, ווי דער כלל פון עוקלידען פאַר די, וועלכע זענען בעקאַנט מיט מאַטעמאַטיק. דאַן וועט דאָס שטרעבען צו'ם גליק — דער אַלגעמיינער פּרינציפּ פון לעבען — זיי ערוועקען שוין אַפילו קומענדיג אין יאָהרען אָבצוהיטען דעם דאָזיגען כלל אויך אין דעם פּראַקטישען לעבען".

דאָבערט אָווען פרעגט, צו וועלכע מענשען ער זאָל זיך ווענדען, אַז זיי זאָלען איהם מיטהעלפען אין זײַן אַרבײַט, זאָלען אויספאָרשען זײַן פּלאַן און געבען איבער איהם אַ ריכטיגע מיינונג.

„נאָר וועמענס שכל קען מען פאָרלעגען אַזאַ אויספאָרשונג?

— זאָגט ער — געוויס ניט קיין סוחרים, וועלכע האַלטען אָנגענומען

פאַר אַ משוגעת יעדען פערזוך צו פערנעהמען זיך מיט אַזאַ זאַך, וואָס וועט גאָר ניט אַריינבּרענגען אין קעשענע. די קינדער פון האַנדעלס־גאָט, וועלכע זענען פון דער יוגענד אָן געוועהנט צו שאַרפען זייערע מוחות בלויז אויף צו קויפען ביליגער און פערקויפען טייערער. דעריבּער ווערען די מענשען, וועלכע האָבּען אַ גרעסערען ערפאָלג אין דער שׂכל'דיגער און אָרענטליכער קונסט פון קויפען ביליג און פערקויפען טייער, אָנגערופען אין דער סוחר'ישער וועלט „טיכטיגע מענשען". פערקעהרט אָבּער, די מענשען, וועלכע שטרעבּען צו פערבּעסערען די מאַטעריעלע און גייסטיגע לאַגע פון דער ליידענדער מענשהייט, הייסען זיי אָן „נאַרישע פאַנטאַזיאָרען".

„מען קען אויך ניט פאָרלעגען דעם פלאַן צו אַ ריכטיגער קריטיק די פיהרער אָדער אָנהענגער פון פּאָליטישע פּאַרטייען: זיי זענען אַזוי פערפלאָנטעט אין די פּאַרטיי־אינטערעסען, וועלכע פערשטעלען זיי דעם שׂכל, און האָבּען אַזוי פיעל היתּרים מפני הפּאַרטיי וועגען צו זאָגען און טהון ניט ריכטיג, דאָס זיי אָפּפערען אַמאָל, ניט ווילענדיג, מיט דער געזעלשאַפטליכער און אייגענער טובה".

„אונזערע כלי־קודש און גאָט'ס שומרים קען מען עס אַודאַי ניט פאָרלעגען, בּיי זיי איז אַ פּשטי'ל איבּער אַ דין אָדער אַ מנהג וויכטיגער, ווי צרות און ליידען פון מענשען".

„ניין! די פּרינציפּען און דאָס סיסטעם, ווי עס פּראַקטיש דורכצופיהרען, דאַרפען ווערען אַרומגעקלערט דורך יענע קלאַסען מענשען, וועלכע פערשטעהען און זעהען די עקזיסטירענדע פעהלערען און די פינסטערניש, וועלכע רינגעלט זיי אַרום; וועלכע ווילען שטאַרק געפינען דעם אמת'ען וועג און געהן אין איהם, וואוהין ער זאָל זיי ניט פיהרען; וועלכע אַנערקענען דעם צוזאַמענגבונד צווישען פערזענליכען און אַלגעמיינעם גליק".

רעדענדיג וועגען די מיטלען, וואָס די רעגירונג דאַרף אָנגעהמען, אום צו דערגרייכען דאָס ציעל פון אויפהייבּען דעם מאָראַלישען און מאַטעריעלען שטאַנד פון דער בּעפעלקערונג, וועלכע ער זעלבּסט האָט שוין פערווירקליכט אין אַ קליינער צאָהל אין זיינע ניו־לענאַרקער פּראָבּען, — געפינט ער, אַז „די סבּה פון אַלע גרויסע און שווערע צרות, אויף וועלכע יעדער קלאָגט זיך, איז —

די אונווסענהייט, וועלכע שטאַמט פון די נאַרישע און פאַלשע מיינונגען, וואָס ווערען איבערגעגעבען פון דור צו דור, און איבער־הויפּט פון גרעסטען טעות — אַז דער מענש אַליין כלומר'שט ביל־דעט זיך אויס זיין האַראַקטער אָהן דער סביבה און בעדינגונגען, וועלכע רינגלען איהם אַרום... כל זמן מיר וועלען ניט אויפהערען איינצושמועסען די יונגע מוחות די דאָזיגע נאַרישסטע פון אַלע מענשליכע מיינונגען, וועט ביי אונז ניט זיין קיין באָדען, אויף וועלכען מיר זאָלען קענען ענטוויקלען אין דעם מענשען אֶמת'ע ליעבע צו מענשען, ווייל ער וועט ניט וויסען, אַז דער מענש איז ניט שולדיג אין זיינע שלעכטע מעשים, נאָר די זייטיגע בע־דינגונגען, און מען טאָר איהם אַלזאָ דערפאַר ניט האַסען".

„די רעגיערונג ברויך איינצופיהרען אין דער ערציהונג און אין דעם לערנען אַנ'איינאַרטיגעס סיסטעם, וואָס זאָל זיין געבויט אויף ליעבע און פערנונפט. די פּראַקטישע פערווירקליכונג דערפון דאַרף איינצוגעוועהנען מענשען האַלטען און בעגעהן זיך מיט'ן צווייטען, אַזוי ווי יעדער מענש וויל, אַז יענער זאָל זיך אַזוי בעגעהן מיט איהם".

ראָבערט אָווען פערהאַלט זיך זעהר קריטיש, פון זיין שטאַנד־פּונקט, צו די פערשיעדענע נייע לעהר־סיסטעמען, וועלכע זענען בלויז בעסערע מעטהאָדען צו לערנען, זיי האָבען אָבער קיין וויכטיגע ווירקונג ניט אויף די ערציהונג פון קינדער.

„דער עצם פון ערציהונג און בילדונג — זאָגט אָווען — בע־שטעהט דערין, מען זאָל איינפלאַנצען דער יוגענד אַזעלכע געדאַנ־קען און געפיהלען, וועלכע זאָלען פיהרען צו'ם גליק, ווי די איינ־צעלנע פּערזאָן, אַזוי די גאַנצע מענשהייט. יעדער פערשטעהט, אַז לויט דעם סיסטעם, למשל, פון לאַנקאַסטער, קען מען אויס־לערנען קינדער לעזען, שרייבען און רעכנען, און אין דער זעלבער צייט קענען זיי ערווערבען שלעכטע נייגונגען און בלייבען אונענט־וויקעלטע אויפ'ן גאַנצען לעבען. לעזען און שרייבען — דאָס איז ניט מעהר, ווי געוועהר צו ערווערבען וויסענשאַפט, ווי אֶמת'ע, אַזוי אויך פאַלשע; זיי קענען ניט ברענגען דעם קינד גרויסע נוצען, ווען מען לערנט איהם ניט, ווי צו בענוצען זיך מיט אָט די גע־וועהר פון לעזען און שרייבען. דאָס קינד, וועלכעס בעקומט אַ ריכטיגע ערקלערונג איבער אַלע פאַקטען פון לעבען, וואָס רינגלען

איהם אַרום, וועלכעס איז געלערנט צו דענקען, איבערצולעגען יעַ-
דע זאַך און ריכטיג אונטערשיידען אַלגעמיינע וואַהרהייטען פון
פאַלשקייטען, אָט דאָס קינד, ניט קענענדיג זאָגאַר קיין אַל״ף־בי״ת,
וועט זיין בעסער ענטוויקעלט ווי די קינדער, וועלכע ווערען געוועהנט
ניט אַריינצוקלערען פריהער איבער דער זאַך, וואָס מען זאָגט זיי,
ניט אַ טרייסעל טהון אַ ביסעל מיט׳ן מאַרך איבער דעם, נאָר אַלץ
צו גלויבען; אויף אַזאַ אַרט ווערען די דענקענדע פעהיגקייטען פאַ-
ראַליזירט דורך דעם, וואָס מען רופט אָן על פי טעות ל ע ר נ ע ן...

גערהט אַריין אין איינע פון אונזערע שוהלען און בעט דעם
לעהרער, ער זאָל אייך בעווייזען די קענטניסע פון די קינדער; ער
וועט אַרויסרופען און פאָרלעגען די שילער אַזעלכע טהעאָלאָגישע
פראַגען, אויף וועלכע אַ פיעל געלעהרטער מענש איז ניט אימשטאַנד
צו געבען אַ ריכטיגען ענטפער. די קינדער אָבער ענטפערען באַלד
ניט געקלערטערהייט דאָס, וואָס מען האָט זיי פריהער אַריינגעקלאַפט
אין קאָפ, ווייל אין דעם אַרט, מען קען זאָגען, הויזק מאַכען פון
לערנען, דאַרף מען נאָר צו האָבען דעם זכרון, ניט דעם שכל״.

„נאָר ווען עס וועט אַיינגעפיהרט ווערען — זאָגט אָ ו ו ע ן —
אַזאַ ערציהונגס־סיסטעם, וואָס וועט אויסבילדען דעם מענשליכען האַ-
ראַקטער, דאַן וועלען מעגליך זיין די וויַטערע רעפאָרמען אין די
געזעצען און אין דער אָרדנונג, וועלכע וועלען פיהרען צו דער
פערבעסערונג פון דער מאַטעריעלער און מאָראַלישער לאַגע פון דער
בעפעלקערונג״.

VII.

מחלוקת און כבוד.

ניו־לענאַרקער קאָלאָניע האָט זיך גערעכענט אַלס מוסטער,
ווען מען האָט געוואָלט איינפיהרען געזעצליכע מיטלען צו פערבעסערן
די לאַגע פון די אַרבייטער קלאַסען. ניו־לענאַרק האָבען בעזוכט מיט-
גליעדער פון פאַרלאַמענט, פילאַנטראָפען און כלל־טהוער פון איי-
ראָפּאַ און אַמעריקאַ. ווען אין ענגלישען פאַרלאַמענט האָט זיך אויפ-
געהויבען די פראַגע איבער די לאַגע פון די אָרימע און די אַרבייטער־
קלאַסען, האָט ניו־לענאַרק שטענדיג געדינט אַלס אַרגומענט פאַר

די נוציגקייט פון רעפאָרמען. דער זאַקסישער קייזער האָט אַליין איבערגעלייענט אָווענ׳ס „צייכענונגען איבער דעם מענשליכען האַראַקטער״. דער רוסישער קייזער ניקאָלאַי דער ערשטער (דאַן גראָספירשט), זייענדיג אין ענגלאַנד, האָט בעזוכט ניו־לענאַרק און פערבראַכט דאָרט איינגע טעג. די דאָרטיגע אָרדנונג האָט אויף דעם יונגען גראָספירשט געמאַכט אַזאַ שטאַרקען איינדרוק, אַז ער האָט פאָרגעלעגט אָווענ׳ען זיך צו בעזעצען מיט אַ געוויסע צאָהל אַרבייטער אין רוסלאַנד און דאָרט איינפיהרען אַזאַ קאָלאָניע, ווי ניו־לענאַרק. ערד און אַלע מיטלען דערצו האָט ער צוגעזאָגט אַליין צוצושטעלען. אַני־אַמעריקאַנער רייזענדער, וועלכער האָט בעזוכט ניו־לענאַרק אין יאָהר 1819, בעשרייבט איהר אין זעהר שענע פאַרבען און זאָגט, אַז קיין גלייכען צו איהר איז אין דער גאַנצער וועלט ניטאָ.

אין לאָנדאָן האָט זיך געגרינדעט אַ פילאַנטראָפּישע געזעלשאַפט, וועלכע האָט זיך געשטעלט אַלס ציעל איינצופיהרען אין לעבען אָווענ׳ס פּלענער ניט בלויז אין ענגלאַנד, נאָר אין גאַנץ איירָאָפּאַ.

אויסער זיין טעטיגקייט אין ניו־לענאַרק און אין די פראַגען פון ערציהונג, האָט אָווען שוין פון יאָהר 1800 געפּלאַנט, ווי צו פערבעסערען די לאַגע פון דעם אינדוסטריעלען אַרבייטער אין אַלגעמיין און איינצופיהרען אַ רעגירונגס־קאָנטראָל איבער די שרעקליכע אָרדנונגען, וועלכע הערשען אין די פאַבריקען.

דאָס סיסטעם פון לעהרען־יונגלעך, דורך אָנקלייבען קינדער פון די פריוטען און אַרבייטס־הייזער, האָט שוין אָבגעלעבט זיין צייט. מען האָט זיך שוין דערין מעהר ניט גענויטיגט. איצט האָט שוין די בעפעלקערונג אַליין, גאַנצע פאַמיליען, מענער, פרויען און קינדער פערפולט די פאַבריק. דאָס נייע סיסטעם האָט געוויזען איבער דעם מענשענס אַלטע געוועהנהייט. צווישען דער אַרבייטער־בעפעלקערונג איז דאָס פאַמיליען־לעבען גיך פערשוואונדען געוואָרען. די עלטערען האָבען געהאַנדעלט מיט זייערע אייגענע קינדער, ניט זאָרגענדיג פאַר זייער ערציהונג און מאָראַלישע ענטוויקלונג, נאָר געסטאַרעט זיך מיט וואָס מעהר נוצען פאַר זיך צו עקספּלואַטירען די קינדערשע אַרבייט. עס פערשטעהט זיך, אַז ביי אַזעלכע בעדינגונגען זענען אַלע פעדים פון פאַמיליען־פערבינדונג איבערגעריסען געוואָרען; די קינדער האָבען זיך אויך מיט אַזאַ קאַלט־

קײַט געהאַלטען צו די עלטערען, ווען די לעצטע האָבען זיך גענויטיגט אין זייער הילף. אַלע אַרטען פעהלערען, ענגאַאיזם, קראַנקהײַטען און אַ פּאַר־דער־צײַטיגע עלטער האָבען זיך מיט אַ שרעקליכע שנעלקײַט פערשפּרייט צווישען די אַרבײַטער־קלאַסען. דער הויכער אָבצאָהל אויף רויהע באַוועל, וועלכער איז אײַנגעפיהרט געוואָרען פון יאָהר 1808, האָט זיך זעהר שלעכט אָבגערופען ניט נאָר אויף דער שפּינערײַ־אינדוסטריע, וועלכע איז די הויפּט־קוועלע פון רײַכטום אין לאַנד, נאָר אויך — דורך דעם פערקלענערטען אַרבײַטס־פּרײַז — אויף דער לאַגע פון דער גאַנצער אַרבײַטער־בעפעלקערונג, וועלכע איז געוואָרען אונערטרעגליך. די מאַשין, וועלכע איז אײַגענטליך דעם מענשענס בעסטע פרײַנדין, זײַן אֱמת'ער עזר כנגדו אויף גרינגער צו מאַכען איהם די אַרבײַט און געבען די מעגליכקײַט בעסער צו לעבען, איז זי, דורך דעם פעראײַגנען די פּראָדוקטען בלויז פון מאַשין־אײַגענטימער, געוואָרען דעם אַרבײַטער'ס ערגסטער שונא.

אין יאָהר 1811 האָבען זיך פונאַנדערגעפּלאַקערט די זאָ גענאַנטע לודיטישע בונטען. די אַרבײַטער האָבען געפיהרט אַ מלחמה מיט דער מאַשין; „זי עסט אויף אונזער ברויט", האָבען זיי גע'טענה'ט. גאַנצע מחנות אַרבײַטער פלעגען בײַנאַכט אָנפאַלען אויף דער פאַבריק, צוברעכען די מאַשינען און מאַכען דאָרט אַ גאַנצען פּאָגראָם. די אָנפאַלען אויף די מאַשינען האָבען זיך פערשפּרייט איבער'ן גאַנצען לאַנד, נאָר זיי זענען גיך דערשטיקט געוואָרען דורך מיליטערישע קראַפט; אָבער אַ פערבאָרגענע בלינדע שנאה אויף עפּעס, וועלכעס טהוט זיי שלעכטס, איז געבליבען בײַ'ם פאָלק, און די בעפעלקערונג פון די מאַנופאַקטור־ערטער איז געווען גרייט צו אַ בונט בײַ דער ערשטער געלעגענהײַט. אין דעם משך איז ראָבערט אָווען געווען פערנומען מיט אויסאַרבײַטען אַזאַ פּלאַן אין דער מיהרונג פון פאַבריק, וואו דער אַרבײַטער זאָל בעקומען אַלע זײַנע מענשליכע געברויכען, און דער פאַבריקאַנט זאָל האָבען אַ בעשטימטע אײַנקינפט פון זײַן קאַפּיטאַל, ד. ה. בעשאַפען אַזאַ סיסטעם, בײַ וועלכען עס זאָלען אײַנשטימען די אינטערעסען פון אַרבײַט און קאַפּיטאַל.

דאָ איז ניט דאָס אָרט צו פערשפּרייטען זיך איבער דעם, ווי ווײַט עס איז מעגליך צו פערווירקליכען די דאָזיגע אויפגאַבע,

נאָר אַלענפאַלס איז געקומען דאַן די צייט, וואָס מען האָט זיך דערמיט געמוזט ערנסט פערנעהמען.

האַסקעל אין זיין בוך „די פאַבריקס-בעפעלקערונג פון ענגלאַנד" בעשרייבט מיט לעבעדיגע פאַרבען דאָס אַרבייטער-לעבען פון יענער צייט. די גאַנצע פאַמיליע איז אַ גאַנץ קיילעכדיג יאָהר אויפגעשטאַנען פיער דעם זייגער פאַרטאָג און דער פאָטער, די מוטער און די קינדער אַלע האָבען געאיילט אין דער פאַבריק אַריין, פערהאַפענדיג מיט זיך עפּעס עסען. אַכט דעם זייגער האָבען זיי געהאַט אַ האַלבע שטונדע אויף פריהשטיק, אָבער אָפט פלעגט די מאַשין נאָך דאַן אויך אַרבייטען, און מען האָט געמוזט אָפּעסען שטעהענדיג בייים וועב-שטוהל. 12 אַ זייגער — אַ שטונדע אויף מיטאָג. אַלע האָבען זיך אַ שאָט געטהון גיכער אַ היים און געאיילט געשווינד אַראָבצושלינגען דעם מיטאָג, וועלכער איז דאָס רוב בעשטאַנען פון בלויזע קאַרטאָפעל, און ווייטער צוריק אין פאַבריק. אַזוי האָבען זיי פערבראַכט דעם גאַנצען טאָג אין דער פאַבריק צווישען שטויב און היץ און ניט געקענט זיך פערנעהמען מיט שטובזאַכען, וועך רעדט — מיט עפּעס גייסטיגעס.

ביי אַזעלכע בעדינגונגען איז אונמעגליך געווען צו האָבען מאָראַלישע געפיהלען. ביי די אַרבייטער זענען געווען פערשפרייט זנות, טהיערישע צולאָזענהייט און פערבאָרגענע אַכזריות. די בעלי-בתים, איבערהויפּט דאָס יונגוואַרג, זענען ניט געשטאַנען פיעל העכער פאַר די אַרבייטער אין בילדונג און אין אויפפיהרונג. דער גאַנצער אונטערשיעד איז געווען נאָר אין דעם, וואָס זיי האָבען פערשווענדעט מעהר געלד אויף זיך. די זיהן פון די קאָטטאָן-לאָרדען האָבען זיך דאַן אויסגעצייכענט מיט זייער ציינישער צולאָזענהייט. אין דעם קרייז האָט געהערשט נאָר איין געדאַנק: רייך ווערען. אַלע אַנדערע בעגריפען זענען פאַר זיי געווען פרעמד, און עס איז שווער געווען דעריבער צו רעכנען, אַז אָווען זאָל קענען געפינען ביי זיי אַ שטיצע פאַר זיינע פּלענער, וועלכע זענען געווען דורכגעדרונגען מיט הומאַנישע שטרעבונגען אויפצוהייבען דעם זיטליכען צושטאַנד פון אינדוסטריעלען אַרבייטער.

דאָבערט אָווען האָט געהאַט אַ שם אין דער האַנדעלס-וועלט פון באַוועל-שפּינערייַ, ניט בלויז צוליעב זיינע רעפאָרמען אין ניו-לענאַרק, נאָר אויך אַלס איינער פון די אויסגעצייכענטסטע פאַב-

יקאַנטען. אַלע פאַבריקען זענען געווען פאַר איהם אָפען צו בעזוקען. „איך בין דורכגעפאָהרען און בעטראַכט דעם גרעסטען טייל פאַבריקען — דערצעהלט ער אין זיינע זכרונות, — און געקענט דעריבער בעקומען אַ ריכטיגען בעגריף איבער דער לאַגע פון קינדער־און דערוואַקסענע פאַבריק־אַרבייטער. איך אַנערקען די נויטיגקייט פון איינפיהרען מאַשינען און זיי צו פערפאָלקאָמען, פונדעסטוועגען זעה איך קלאָר אַרויס, וויפיעל שאָדען די מאַשינען האָבען געבראַכט די פערשקלאַפטע דורך זיי קינדער און אַרבייטער". ער שרייבט ווייטער, אַז „די לאַגע פון די שקלאַפען אין מזרח־אינדיען און אין די פעראייניגטע שטאַטען איז געווען בעסער — איבערהויפט אין הינזיכט פון שפייז און קליידונג — ווי די לאַגע פון די אַרבייטער אין ענגלאַנד".

אין אָנפאַנג יאָהר 1815 האָט ער בעשלאָסען עפענטליך אויפמערקזאַם צו מאַכען די פאַבריקאַנטען אויף דער לאַגע פון דער באַוועל־שפינערײַ־אינדוסטריע און אויף דער שרעקליכער לאַגע פון די אַרבייטער. אין גלאַזגאָו, אונטער דער פאָרזיצונג פון שטאָדטמער, איז פאָרגעקומען אַ מיטינג פון די פאַבריקאַנטען, אויף וועלכען ער האָט פאָרגעלעזען זיין בעריכט. זיין ערשטער פאָרשלאַג, מבטל צו זיין דעם אָבצאָהל אויף די אַריינגעפיהרטע רויהע באַוועל, איז אָנגענומען געוואָרען איינשטימיג, דערפאַר אָבער פאַר דעם צווייטען, ביי איהם דער וויכטיגסטער פאָרשלאַג, וועגען פערבעסערען די אַרבייטער־לאַגע, איז צווישען דער גרויסער פערזאַמלונג ניט געפונען קיין איין שטימע, וועלכע זאָל איהם אונטערהאַלטען. אויפגערעגט פון אַזאַ פערהאַלטען זיך צו זיין אידעאַל, האָט אָ ו ו ע ן דעמאָנסטראַטיוו פערלאָזען דעם זאַל פון דער פערזאַמלונג. איבערצייגענדיג זיך, אַז פון די פאַבריקאַנטען קען מען קיין שטיצע צו זיין פלאַן ניט ערוואַרטען, האָט ער בעשלאָסען צו געהן מיט אַן אַנדערן וועג, ער האָט נאָך אָבער אַליין ניט געטראָפען דעם אמת'ן וועג, אפשר דאַדורך טאַקי, ווייל דער וועג איז נאָך גאָר ניט געוועזען, דען די אַרבייטער זענען נאָך געווען אַזוי אונוויסענד, אַז זיי האָלטען גאָר ניט געקענט אַליין פערהיטען זייערע אינטערעסען. ער האָט געמאַכט קאָפּיעס פון זיין בעריכט, צוגעשיקט זיי צו יעדען מיטגליעד פון פאַרלאַמענט, און אויך אָבגעדרוקט עס אין די פראָווינציעלע און לאָנדאָנער צייטונגען.

אין דעם מערקווירדיגען בעריכט, אָנווייזענדיג אויף די גרויסע בעדייטונג, וועלכע עס האָט איצט בעקומען פאַר דער רעגירונג דער באַוועל-שפּינערײַ-בעטריעב, זאָגט ער וועגען די צרות, וואָס זע-נען פערבונדען פאַר די אַרבּייטער מיט דעם דאָזיגען בעטריעב, פאָלגענדעס:

„נאָר די פּראַקטיק האָט אונז געקענט בעווייזען די טרויע-ריגע רעזולטאַטען, אָבער איצט איז שוין שפּעט צוריקצוגעהן. ווען מיר זאָלען זאָגאַר וועלען אָבטרעטען, איז עס שוין אונמעגליך, מחמת דעם, ווייל אָהן דעם איצטיגען בעטריעב זענען מיר שוין ניט אימשטאַנד צו שפּײַזען די פערגרעסערטע בעפעלקערונג פון לאַנד, ניט צו צאָהלען פּראָצענט פאַר די רעגירונגס-חובות און ניט אויפצוהאַלטען די אַרמעע און דעם פלאָט. צו מײַן טיפען בעדויערן, דאַרף איך מודה זיין, אַז אָפּילו אונזער זעלבסטשטענ-דיגער קיום אַלס נאַציאָן איז פיעל אָבהענגיג פון דער ענטוויקלונג פון דער אינדוסטריע און מיר האָבען ניט מיט וואָס זי צו פער-טוישען. און אין דער זעלבער צייט ליעגט פאַר אונז דער ביטע-רער אמת, אַז דער בעטריעב, וועלכער ליעגט אין גרונד פון אונ-זער פּאָליטישער מאַכט און אויפבליהונג פון אונזער לאַנד, איז גורם צו צערשטערען דאָס געזונד, גליק און וואָהלשטאַנד פון דעם רוב אַרבּייטער, וועלכע זענען פערנומען מיט דעם בעטריעב“.

„נאָר צי דען איז אונמעגליך צו קעמפּפען מיט דער צרה? — פרעגט ער ווייטער — אַ סך האָבען גאָר ניט אַרײַנגעקלערט גוט אין דער זאַך. אַנדערע — זאָרגען זיך ווענעיג וועגען די ליידען פון זייערע אַרומיגע מענשען, אַבי נאָר זייער אייגענעם גוף איז גוט. ווען צווישען די פערזאַמעלטע געפינען זיך אַזעלכע פּערזאָנען, ווענ-דע איך מיך גאָר ניט צו זיי. איך וועל אָבשטעלען אויף דער פראַגע די אויפמערקזאַמקייט, נאָר פון די, וועלכע קוקען ווייטער ווי די רגע-ערשײַנונג, וועלכע קענען פאָרזעהן די שפּעטערע פאָל-גען פון די איצטיגע עקזיסטירענדע סבּות — פון די, וועלכע אינ-טערעסירען זיך מיט'ן שיקזאַל פון יענע, וואָס האָבען דעם אייגע-נעם צלם ווי זיי, וועלכע ווייסען, אַז גליק און רײַכטום איז ניט איין זאַך און אַז די מאַכט פון לאַנד, וועלכע איז געגרינדעט אויף די צרות פון פאָלק, — איז בלויז אַ שאָטען פון גרויסקײַט“. „נאָר מיט'ן איינפירען דעם היינטיגען בעטריעב-סיסטעם — זאָגט ער

זייטער — האָבען אָנגעהויבען אַריינפאַלען אין פאַבריק קליינינקע קינדער, וועלכע זעהען אָפּט אויס, ווי אַ ריהע טויטע קערפּער, וואָס האָבען קיין מענשליכען געשטאַלט ניט.... נאָר מיט'ן איינפיהרען אָט דאָס דאָזיגע סיסטעם, זענען ערוואַקסענע און וואָגאַר קינדער געצוואונגען געוואָרען צו אַרבייטען מעהר, ווי 12 שטונדען אין מעת־לעת, ניט אַריינרעכנענדיג אין דעם די צייט פון עסען. נאָר מיט'ן איינשטעלען זיך פון דעם אונגליקליכען סיסטעם זענען אָרימקייט, צרות, ליידען, קערפּערליכע און גייסטיגע פעהלערען געוואָרען פערשפּרייט איבער'ן לאַנד". צו'ם סוף ווענדעט ער זיך צו זיינע קאָלעגען־פאַבריקאַנטען מיט אַזאַ אויסרוף:

„ווי לאַנג וועלען מיר ניט רויט ווערען פאַר חרפּה, ווען מיר ווענדען זיך צו די געזעצגעבער פון לאַנד, זיי זאָלען אַרויסגעבען נייע געזעצען צו פערגרינגערען און פערברייטערען אונזער מסחר — און אין דער וועלכער צייט פאָדערען מיר ניט קיין מיטלען צו פערניכטען די שלעכטס, וואָס דער בעטריעב איז גורם? אויב דאָס איז אייער מחשבה, וועל איך פאַר קיין פאַל ניט צושטעהן צו אייך און מיט אַלע מיינע כחות וועל איך זעהן צו שטערען די ענטוויקלונג פון דעם בעטריעב, וועלכער איז אין דער ווירקליכקייט אַ קוואַל פון גרעסערע צרות פאַר די, וועלכע פערנעהמען זיך מיט איהם, ווי שקלאַפעריי פאַר די אונגליקליכע נעגער אין מזרח־אינדיען. ווי שטאַרק איך זאָל ניט זיין פעראינטערעסירט אין פאַבריקאַציאָן, ווי איך זאָל ניט פאַלען כורעים פאַר די פּאָליטישע מאַכט פון מיין געבורטס־לאַנד, נאָר וויסענדיג פון ערפאַהרונג, וויפיעל צרות און ליידען זי מאַכט אָן, ביי דער איצטיגער אָרדנונג, צווישען איהרע אַרבייטער, בין איך מיך גאָר ניט מישב צו זאָגען: — זאָל בעסער פערלאָרען ווערען די אונטערנעהמונג! זאָל בעסער פערלאָרען ווערען, צוזאַמען מיט דעם, אויך די מאַכט פון אונזער לאַנד, ווען זי קויפט זיך מיט'ן פּרייז פון אַלץ, וואָס איז טייער און וויכטיג אין לעבען!"

באַלד נאָך דעם, ווי זיין בעריכט איז געוואָרען גענוג בעוואוסט, איז ראָבערט אָווען אַוועק נאָך לאָנדאָן, אום פערזענליך דורכצורעדען זיך מיט די פיהרער פון דער רעגירונג וועגען אָננעהמען מיטלען אויף צו פערהיטען די אינטערעסען פון די אַרבייטער און איבערהויפּט פון די קינדער, וועלכע אַרבייטען אין די פאַבריקען.

אין זיין גלאַזגויער בעריכט האט ער אָנגעצייכענט איינגע הויפּט־פּונקטען, ווי צו רעגולירען די קינדערשע אַרבייט. די פאָדערונגען זענען געוועזען קליינע פאַר היינטיגער צייט, למשל, אַ 12־שעה'דיגען אַרבייטס־טאָג פאַר קינדער און מען זאל ניט טאָרען צונעהמען אין פאַבריק אַ קינד יונגער פון 12 יאָהר, אָבער דאַן, ווען קינדער האָבען געאַרבייט 14 שעה אין מעת־לעת און פון 6 יאָהר אָן, — האט מען ניט געקענט מעהר פאָדערען.

ווען אָווען איז געקומען נאָך לאָנדאָן, האט ער געהאט וועניג אָנהענגער; די אַרבייטער, וואָס זייערע אינטערעסען האט ער דער ערשטער פערטיידיגט, זענען געוועזען אַזוי אונטערדריקט דורך דעם עקזיסטירענדען סיסטעם, דאָס זיי האָבען איהם ניט געקענט געבען אין דעם קיין שום שטיצע; געגען איהם זענען געוועזען כמעט אַלע פאַבריקאַנטען און קאַפּיטאַליסטען, וועלכע האָבען געהאַט אַ גרויסע דעה אין פּאַרלאַמענט. אֶמת, אין לאָנדאָן איז אָווען געוועזען בעוואוסט ביי פיעל גרויסע מענשען, און די רעגיערונג האט זיך אויך גוט פערהאַלטען צו זיין פאָרשלאַג, פונדעסטוועגען איז איהם פאָרגעשטאַנען אַ גרויסער קאַמפּף און עס האָבען איהם ערוואַרטעט שטערונגען אויף יעדען טריט. נאָר ראָבערט אָווען איז ניט געווען פון די מענשען, וועלכע שרעקען זיך איבער פאַר שטערונגען.

„איך האָב בעזוכט, זאָגט ער, אַלע וויכטיגע מיטגליעדער פון פּאַרלאַמענט און ערקלערט יעדען פון זיי מיין ציעל — צו פערהיטען די אינטערעסען פון דער טייל בעפעלקערונג פון לאַנד, וועלכע איז אַם מעהרסטען אונטערדריקט און וועלכע פערדיענט מעהר ווי אַלע אונטערשטיצונג".

אויף דעם מיטינג פון די מענשען, וועלכע האָבען אונטערגעשטיצט אָווען'ען, איז בעשלאָסען געוואָרען צו בעטען ראָבערט פּיל, וועלכער האט פערנומען איינע פון די העכסטע און וויכטיגסטע שטעלען אין דער רעגיערונג, ער זאל דורכפיהרען דעם נייעם ביל איבער פאַבריק־אַרבייטער. פּיל האט צוגעזאָגט אונטערצושטיצען דעם דאָזיגען ביל אין פּאַרלאַמענט; נאָר נאָך באַלד אין אָנהויב האט אָווען געצווייפעלט, צי דער צוזאָג איז אַן ערנסטער און צי פּיל, וועלכער איז געווען אַ קאָנסערוואַטאָר און האט רעגירט אין לאַנד מיט שטרענגע פּאָליציי־אישע מיטלען — וועט מיט־

העלפען אויסצופיהרען זיינע מיינונגען. פיל איז אליין געווען א פאבריקאנט, צו פערקירצען די ארבייטס־שטונדען איז ניט געווען אין זיינע אינטערעסען, און ער האט, געוועהנליך, ניט געקענט ביישטעהן די ווירקונג אויף איהם פון אנדערע פאבריקאנטען, וועלכע האבען געהאט א גרויסע פארטיי אין פארלאמענט און בעשלאסען מיט אלע מיטלען ניט צו דערלאזען דעם נייעם געזעץ.

ערשט אין פיער יאהר ארום, אין יאהר 1819, איז דער ביל, א שטארק צוקאלעטשעטער, געווארען א געזעץ; די גאנצע צייט האט אווען ניט דורכגעלאזט קיין איין זיצונג פון פארלאמענט. „אין דעם משך פון פיער יאהר, כל זמן דער ביל האט זיך ארומגעדרעהט אין די ביידע פאלאטעס, ערצעהלט אווען, האב איך געהאט די מעגליכקייט נאהענט צו בעקענען זיך מיט אלע פארלאמענטארישע ארדנונגען, און איך האב געזעהן, ווי עס פיהרען זיך די רעגיערונגס־פיהרער און צו וואס פאר א גראבע נידערטרעכטיגקייט, וועלכע שטעלט זיך ניט אב פאר קיינע מיטלען, דערגעהט דער עגאאיזם פון די סוחר'ישע מענשען, וועלכע ווערען אין זייער קרייז שטארק געאכטעט. אלע מיטלען האבען זיי אויסגענוצט, אז דער ביל זאל אין פאלאטע דורכפאלען".

יעדער פונקט פון דעם נייעם געזעץ איז געווען אנגעווענדעט בלויז געגען די סאמע נידעריגסטע אונרעכטען, וועלכע מען איז בעגאנגען געגען די ארבייטער, דאך האבען די פאבריקאנטען דאס ניט געוואלט דורכלאזען און זיך ניט געשעמט צו שיקען א עקסטרא דעפוטאציע נאך שאטלאנד, אים אויסצופארשען ביי די דארטיגע איינוואהנער, פילייכט ווייס ווער פון אווען'ס א מאיס'ע אויפפיהרונג און דערמיט קליין צו מאכען זיין אויטאריטעט אין פארלאמענט. צו זייער בעדויערען, איז קיין שום פלעק אויף איהם ניט געווען; ניט קוקענדיג אויף אזא שטארקען ווידערשטאנד פון די פאבריקאנטען, איז דאס געזעץ פונדעסטוועגען דורכגעגאנגען דורך ביידע פאלאטעס; און הגם דאס געזעץ איז געווען, ווי מיר האבען שוין געזאגט, שטארק צובראכען אין פערגלייך מיט זיין ערשטען פארשלאג, דאך האט עס אויף שטענדיג איבערגעטוישט די פערהעלטניסע צווישען די בעלי־בתים מיט די ארבייטער, פריהער אין די באוועל־שפינעריי־פאבריקען, נאכהער אין אלע אנדערע אינדוסטריע־צווייגען. דאס געזעץ פון יאהר 1802 האט בעריהרט נאר די ארבייט

פון די זאַגענאַנטע לעהרען־יונגלעך, דאָס געזעץ פון יאָהר 1819 האָט צום ערשטען מאָל בעשטימט דאָס רעכט פון דער רעגירונג אַריינצומישען זיך אין דער פערהעלטניס פון די בעלי־בתים מיט די אַרבייטער, כדי צו פערהיטען די אינטערעסען פון די לעצטע, און פון דעם פונקט האָט דאָס געזעץ געהאַט אַ גרויסע בעדייטונג אויף די ווייטערע ענטוויקלונג פון דער פאַבריקס־געזעצגעבונג, און מבטל געמאַכט די שיטה פון Laisser faire, לויט וועלכער מען ברויך צו לאָזען פריי זיך ענטוויקלען דעם האַנדעל און בעטריעב און ניט אַריינמישען זיך אין זייערע אינערליכע אָרדנונגען. אָט די טעאָריע, וועלכע האָט ביז איצט געהערשט אין אַלע צווייַגען פון ענגלישען בעטריעב און האָט איבערגעגעבען דערמיט דעם אַרבייטער אין גאַנצען רשות פון בעל־הבית, איז מיט דעם נייעם געזעץ בטל געוואָרען.

ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס די ענגלישע מלחמות האָבען זיך געצויגען כמעט אָהן אַנ׳אויפהער פון יאָהר 1802 ביז 1815, דאָ מיט שפּאַניען, דאָ מיט טערקיי, דאָ מיט אַמעריקא און איבערהויפּט מיט פראַנקרייך, האָט זיך דאָך דער פאַבריקס־בעטריעב שטאַרק ענטוויקעלט און אין לאַנד איז אָנגעקליבען געוואָרען אַ סך רייכטום. גאַנץ ענגלאַנד איז געוואָרען בעדעקט מיט פאַבריקען. דער פרייז פון ערד איז געשטיגען נאָך אַמאָל אַזוי פיעל. נאָר דאָס גאַנצע רייכטום איז אַריינגעפאַלען בלויז אין די הענד פון סוחרים, פאַבריקאַנטען און גוט־בעזיצער, דאַן ווען די גאַנצע מאַסע איז געוואָרען פעראָרימט.

די אונפּאַרטייאישע ענגלישע היסטאָריקער רעכנען אָט דעם דאָזיגען פעריאָד פאַר די צייט, ווען עס האָט זיך בעוויזען דער פּראָלעטאַריאַט און עס איז געוואָרען די שטאַרקע צושיידונג צווישען רייכען און אָרימען, צווישען בעל־הבית און אַרבייטער, וואָס איז ביז איצט די שוואַכסטע זייט אין ענגלישען לעבען.

ראָבערט אָווען איז געווען איינער פון די בעסערע מענשען פון יענער צייט, וועלכע זענען געשטאַנען אין די ערשטע רייהען פון די קעמפּפער און האָבען אַליין געפיהרט דעם שווערען קאַמפּף מיט דעם שוין דאַן איינגעוואָרצעלטען שלעכטען סדר.

אין יאָהר 1815 האָט אָווען אַרויסגעגעבען זיינע „בעמערקונגען איבער די ווירקונג פון פאַבריקס־סיסטעם", וואו ער האָט

אַנגעוויזען, אַז אונטער דער ווירקונג פון דער שנעל־וואַקסענדער מאַנופאַקטור־אינדוסטריע בילדעט זיך אויס אין דער מאַסע אַ נייער האַראַקטער פון מענשען, וועמענס גרונדציגע קענען אויף קיין פאַל ניט מיטהעלפען צום אינדיווידועלען אָדער געזעלשאַפטליכען גליק. נאָך מעהר, זיי וועלען ווערען אַ קוואַל פון שלעכטס, ווען די שלעכטע ווירקונג וועט ניט אָבגעשאַפט ווערען דורך אַ פערנונפטע געגענווירקונג פון געזעץ.

אין יאָהר 1817 האָט אָווען פאָרגעשטעלט דעם קאָמיטעט אויף איבערצוקוקען די געזעצען וועגען אָרימע — זיין בעריכט צוזאַמען מיט אַ פּלאַן, ווי צו מאַכען קאָלאָניעס פאַר אָרימע אָנשטאָט די עקזיסטירענדע אַרבייטס־הייזער. עס איז גוט בעוואוסט, אַז דער מענש קען מעהר אויסאַרבייטען וויפיעל ער געברויך. מיט דער הילף פון דער מאַשין קען מען גאָר אַ סך מעהר אויסאַרבייטען. אין ענגלאַנד איז דאָ גענוג לעדיגע, אונבעאַרבייטע ערד און קאַפּיטאַל איז אויך פערהאַן מיט אַ איבערפלוס. פון דער געזעלשאַפט איז אַלזאָ אָבהענגיג צו בענוצען זיך מיט די צוויי קרעפטען אין אַזאַ קאָמבינאַציע, דורך וועלכער, ווען עס וועט אינגאַנצען ניט אויפהערען, וועט דאָך פיעל פערקלענערט ווערען די אָרימקייט, און עס וועט דערמיט אויך געמאַכט ווערען אַ גרענעץ צו איהר ווייטערער פערשפּרייטונג. דאָס איצטיגע עקזיסטירענדע געזעץ וועגען אָרימע פערגרעסערט נאָך די צרה. אין אייניגע ערטער דערגרייכט דער אָבצאָהל ביז אַזאַ נאָרמע, וועלכע איז גלייך פונקט ווי מען וואָלט קאָנפיסקירט דאָס גאַנצע פערמעגען, וואָס איז בעלעגט געוואָרען מיט שטייער. אָרימקייט וועט ניט פערשוואונדען ווערען, כל זמן עס וועט ניט איינגעאָרדענט ווערען אַ פערנונפטע ערציהונג פאַר אַלעמען און כל זמן די רעגירונג וועט ניט בעזאָרגען מיט פּראָדוקטיווע אַרבייט די, וועלכע נויטיגען זיך אין איהר.

„די גרויסע סומען — זאָגט ער, — וואָס מען קלויבט יעהרליך אַלס שטייער פאַר אָרימע, איז ביי איצטיגע אָרדנונגען, העלפען זיי נאָך מיט פערברעכערײַ און פוילקייט"....

די זאָ גענאַנטע אַרבייטס־הייזער פון יענער צייט זענען געווען אַ אַרט טורמעס, וואו געזונדטע מענשען, וועלכע האָבען ניט געהאַט קיין אַרבייט, האָבען בעקומען דירה און עסען און פער־

בראַכט די צײַט אין פערשקלאַפטען לעדיג-געהן, אָדער פערנומען זיך מיט אונפּראָדוקטיווע אַרבײַט.

פון יאָהר 1784 ביז 1830, צוזאַמען מיט דער שנעלער ענטוויקלונג פון פאַבריקס-בעטריעב און דאָס, וואָס מען רופט וואָהלשטאַנד פון לאַנד, איז אויך גיך געשטיעגען די פערגרעסערונג פון אָבצאָהלונגען פאַר אָרימע, וועלכע האָבען זיך פערגרעסערט פון 20 ביז 70 מיליאָן רובל. אין אַ סך גראַפשאַפטען פון ענגלאַנד האָט דער אָבצאָהל דערגרייכט ביז אַ דריטעל פון דער ערד-רענטע. עס פערשטעהט זיך, אַז ביי אַזאַ סדר האָט אַ מענש, ווי ראָבערט אָווען ניט אויפגעהערט צו רופען די געזעלשאַפט און די רעגירונג, פערנונפטיג אָנצוווענדען די פּראָדוקטיווע קרעפטען, וועלכע געהען איצט פערלאָרען אומזיסט, און אַריינטראָגען אַ יסוד פון יושר אין דער צוטיילונג פון רייכטום.

ראָבערט אָווען אין זיין בעריכט ציעלט צו מאַכען פון די געזעלשאַפטליכע אַנשטאַלטען פאַר אָרימע, וועלכע זענען אַ אונפּראָדוקטיווע שווערע משא פאַר די שטייער-צאָהלער און אַנ'אָרט, וואָס האָט פערדאָרבען גאַנצע דורות, — מוסטער-קאָלאָניעס, וועלכע זאָלען פערשפּרייטען די בעסטע אידעען, גוטע ערציהונג און אַ פערנונפטע אָרדנונג פאַר דעם לעבען פון די אַרבייטער-מאַסען. יעדע גראַפשאַפט, יעדע שטאָדט, דאַרף איינאָרדנען אַ פערמע, וואו אָרימע זאָלען זיך פערנעהמען מיט ערד-אַרבייט, און ווען די מיטלען וועלען ערלויבען, זאָל מען דאָרט אויך מאַכען אַ פאַבריק אָדער אַ ווערקשטאַט. ביי אַזעלכע בעדינגונגען וואָלטען די אַנשטאַלטען אַליין געקענט זיך אויסהאַלטען און מען וואָלט בלויז בעדאַרפט אַ גרונד-קאַפּיטאַל אויף צו קויפען ערד און אויף די ערשטע איינריכטונגען. צום בעריכט האָט אָווען צוגעשטעלט פּלענער מיט אַלע פּרטים, ווי איינצואָרדנען אַזעלכע קאָלאָניעס פאַר אָרימע; דער שטח ערד האָט זיך גערעכענט פון 300 ביז 500 דעסיאַטין, די געביידעס זענען געווען אויסגערעכענט אויף 1,200 מענשען. קינדער פון דריי יאָהר אָן האָבען שוין בעדאַרפט אָנהויבען געהען אין שוהלע און ברויכען צו וואָהנען בעזונדער פון די עלטערען אין עקסטרא דערצו געמאַכטע וואָהנונגען. דער ציעל פון דעם סיסטעם איז געווען צו ערציהען קינדער אָבגעזונדערט פון די שלעכטע ווירקונגען פון'ם פריהערדיגען דור און אויסצובילדען אין זיי אַ

נייעם האַראַקטער, לויט דעם נייעם אַיינגעפיהרטען סיסטעם אין ניו-לענאַרק. קינדער האָבען בעדאַרפט אָנהויבען אַרבייטען ניט פריהער, איידער זיי בעקומען עלעמענטאַרישע בילדונג און ענטוויקלען זיך פיזיש. פרויען פערנעהמען זיך מיט הויזליכע אַרבייט, און ווען עס קומט אויס זייער רייהע, אַרבייטען זיי אין דער אַלגעמיינער קיך, גיבען אַכטונג אויף דער אָרדנונג און ריינקייט אין עס-שטוב און אין די קינדערשע שלאָף-צימערען. אין מיטען דעם גרויסען הויף האָט — לויט'ן פלאַן — געדאַרפט זיין אַ גרויסע געביידע, וואו עס זאָל זיך געפינען: אַן'אַלגעמיינע קיך, אַן'עס-שטוב, שוהלען און אַ זאַל אויף פאָרלעזונגען. אַלע בעקוועמליכקייטען פון לעבען וואָלטען געהאַט די מעגליכקייט צו בעקומען אויך אָרימע מענשען, אַ דאַנק דעם פרינציפּ פון אַסאָציאַציע, ביי וועלכען איין אויוועז, איין הויז, איין קיך א. ז. וו. וואָלטען געדינט פאַר אַלעמען און מען וואָלט ניט בעדאַרפט קיין בעזונדערע הוצאות דעריויף פאַר יעדער פאַמיליע בעזונדער. דעם מענשענס קרייז פון סימפּאַטיע, וועלכער איז פריהער געווען בעגרענצט בלויז אויף זיין פאַמיליע, האָט זיך איצט בעדאַרפט פערברייטערען און זיך פערשפּרייטען אויף דער גאַנצער געזעלשאַפט מענשען און מיטגליעדער פון דער גאַנצער קאָלאָניע. אַרבייטענדיג פאַר'ן נוץ פון דער גאַנצער קהלה, וועלכע איז געווען פערבונדען מיט יעדערענס אייגענעם נוץ, וועלען זיי, געוועהנליך, ניט וועניגער פלייסיג אַרבייטען ווי ביי דער אַרבייט אויפ'ן בעל-הבית פון פאַבריק, אין וועמענס פערדינסטען זיי זענען ניט געווען פעראינטערעסירט.

דאָס איז אין אַלגעמיינע שטריכען אָווען'ס פלאַן וועגען הילף פאַר די אָרימע בעפעלקערונג אין ענגלאַנד, וועלכען ער האָט מיט אַלע פּרטים ענטוויקעלט אין זיינע בריעף, וואָס זענען געדרוקט געווען אין די גרעסטע צייטונגען. ער האָט אויך געענטפערט אויף דעם פאָרוואורף פון די אָנהענגער פון מאַלטוס'עס שיטה, אַז די בעפעלקערונג פערמעהרט זיך גיכער, ווי די לעבענס-מיטלען, און צוליעב די שווערקייט צו בעזאָרגען פרנסה פאַר דער פאַמיליע פערמעהרט זיך ניט די בעפעלקערונג אַזוי שטאַרק, ווי זי איז אימשטאַנד צו פערגרעסערען זיך ביי אַ נאָרמאַלען לעבען, אַלזאָ, אויף אַזאַ אופן וועלען די אַנשטאַלטען פאַר די אָרימע לייט פיהרען צו אַ שטאַרקער פערגרעסערונג פון דער בעפעלקערונג, וועלכע וועט

בּרענגען צו דעם אונגליק, דאָס עס וועט פּערפעהלען לעבּענס־שפּייז.

„וואָס אַנבּעלאַנגט דערצו — זאָגט אָווען — שרעק איך מיך גאָר ניט. יעדער פויער ווייס, אַז אַנ'ערד־אַרבּייטער איז אימשטאַנד אויסצואַרבּייטען פינף אָדער זעקס מאָל אַזוי פיעל פּראָדוקטען, וויפיעל ער דאַרף האָבּען פאַר זיין אייגען געבּרויך, קענען דאָך, אַלזאָ, דערווייל ניט זיין קיין שום נאַטירליכע סבּות, אַז דער צוואוקס פון דער בּעפעלקערונג זאָל איבּעריאָגען די נויטיגע צאָהל שפּייז, כּל זמן עס איז נאָך ניט בּעאַרבּייט דער גאַנצער ערד־קוגעל... יעדער, ווער עס איז נאָר פּראַקטיש בּעקאָנט מיט דער זאַך, ווייס, אַז אַפילו אין די פעריאָדען פון די ערגסטע הונגער־יאָהרען זענען אין לאַנד שטענדיג פערהאַן גענוג לעבּענס־מיטלען. בּיי אַ ריכטיגען אויסניצען זיי און בּיי אַ פערנונפטע פיהרונג, קען די בּעפעלקערונג אַליין צוגרייטען אַזאַ פאַרראַטה שפּייז־פּראָדוקטען, וועלכע זאָל אַ סך איבּערגעהן דעם געבּרויך. יעדער ניי־געבּאָרענער מענש, אַ דאַנק דעם פאָרשריט פון דער וויסענשאַפט, און בּיי אַ ריכטיגען סחר — טראָגט מיט זיך מיט די פעהיגקייט צו בּעשאַפען צעהן מאָל אַזוי פיעל פּראָדוקטען, וויפיעל ער קען פערבּרויכען. אַלזאָ, איז ניטאָ וואָס מורא צו האָבּען פאַר אַ איבּערפעלקערונג, כּל זמן די גאַנצע ערד האָט זיך ניט פערוואַנדעלט אין איין בּליהענדען גאָרטען".

אָווען'ס פאָרשלעגע האָבּען פעראינטערעסירט דעם ענגלישען געבּילדעטען קלאַס און די פּרעסע. אין דעם זעלבּען יאָהר 1817 האָט ער פאָרגעלעגט זיינע פּלענער אויף צוויי גרויסע מיטינגען. זיינע רעדעס זענען געוואָרען געדרוקט אין אַלע לאָנדאָנער צייטונגען, אויסער דעם, האָט ער אַליין אויפגעקויפט 30,000 עקזעמפּלאַרען צייטונגען און צושיקט איבּער גאַנץ ענגלאַנד: אַלע דעפּוטאַטען פון בּיידע פּאַלאַטען, גייסטליכע, אָנזעהענדע שטאָדט־בּעלי־בּתּים און אַנדערע פערזאָנען. זיינע הויפּט־כּללים זענען געווען פאָלגענדע:

1) „די מאָס רייכטום פון לאַנד קען ניט דיענען אַלס צייכען פון זיין גוטען שטאַנד, כּל זמן אַ גרויסער טייל פון זיינע אַרבּייטער האַלט זיך אויף אויף דער רעכנונג פון דער מלוכה.

2) אָרימקייט און פערגרעבּטקייט מוזען פיהרען צו אויסגעלאַסענקייט און פערדאָרבּענהייט.

3) די אויף אַזאַ אופן פערדאָרבּענע בּעפעלקערונג, אַרומגערינגעלט מיט שענקען, בּיער־הייזער און געמיינע שפּיעל־הייזער, ווערט

פערהַמוֹר'ט, בעקומט אַ פערשטאָפּטען מה און ווערט אַ שווערע, אונטציגע לאַסט אויפ'ן לאַנד, אָדער פילט־אָן די רייהען פון פער־ברעכער.

4) נאָך דעם, לאַחר המעשׂה, קומען ערשט די רעפּרעסיווע מיטלען און אַכזר'ישע שטראָפען, וועלכע פיהרען קיינמאָל ניט צו'ם צוועק.

5) דאָס אַליך מאַכט־אָן שׂנאה, פערגרעסערט נאָך די צאָהל פערברעכעריי און ווערט אַ געפאהר פאַר דער געזעלשאַפט.

6) כל זמן אַזאַ צושטערענדער סדר עקזיסטירט אין די רע־גירונג אַליין מיט איהר פיהרונג העלפט נאָך מיט, איז יעדער שמועס וועגען דער ווירקונג פון גוטע מדות ערוועקט נאָר אַ ביטע־רען שמייכעל.

7) מפלפל זיין זיך אין מסכת מדות, לערנען די טעאָריע פון זיטליכקייט און בלייבען ביי'ם אַלטען סדר, איז ניט מעהר, ווי אַ שלעכטער פערזוך אָבצונאַרען די געזעלשאַפט, וועלכע וועט שוין מעהר ניט גלויבען אין פלאַפלען.

8) ערוואַרטען אַ וועלכע עס איז מאָראַלישע פערבעסערונג פון פאָלק, כל זמן עס בלייבט דער איצטיגער סדר, איז אַליך איינס, ווי וואַרטען עס זאָל אויסטריקענען דער ים, דאַן וועט אַלע טייכען גיסען נאָך אין איהם אַריין זייער וואַסער".

נאָך זיין אויפרודערען ענגלאַנד, האָט ער געמאַכט אַ רייזע איבער'ן אייראָפּעאישען קאָנטינענט און, קומענדיג אין פראַנקפורט, וואו עס איז דאַן געווען דער אַהענער קאָנגרעס פון די אייראָפּע־אישע מאָנאַרכען, האָט ער אָנגעשריבען צו זיי זיינע בעריכטען, פון וועלכע איינער האָט געהייסען „אַ מעמואַר צו די רעגירונגען פון אייראָפּא און אַמעריקא, וועגען די אַרבייטער־קלאַסען". אין איינעם פון זיי זאָגט אָווען, אַז נאָך פיעל יאָהרען, וועלכע ער האָט געאָפּפערט אויף אויספאָרשונגען און פראַקטישע אַרבייט, ריין פון אַ שום פניה אין דער פערהעלטניס צו אַ געוויסע פּאַרטיי, סעקטע, נאַציע אָדער געזעלשאַפטליכען קלאַס, איז ער געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז אַלע מענשען ווערען געבוירען מיט איינע און דיזעלבע אייגענשאַפטען, הגם נאַכהער, אונטער די ווירקונגען פון די אַרומיגע אומשטענדען און ערציהונג, לערנען זיי זיך אויס ביינד צו האָבען איינער דעם צווייטען, אַנשטאַט צו לעבען אין

שלום און ברידערשאַפט. ער ווייזט אויף, אַז די מאַשין, וועלכע האָט פערגרעסערט די אינדוסטריעלע פּראָדוקטיוויטעט פון ענגלאַנד אויף 12 מאָל, האָט פאַר דעם אַרבּייטער־קלאַס געהאַט בּלויז איין פאָלגע — אַ שרעקליכע פערגרעסערונג פון אָרימקייט. די מאַשין האָט אויף אַזוי פיעל פערקלענערט דעם פּרייז פון דער אַרבּייט, דאָס עס וועט בּאַלד אויסקומען, אַז אַ גרויסער טייל פון דער אַרבּייטער־בּעפעלקערונג וועט ניט האָבּען די מעגליכקייט צו פערדינען אויף אונטערצוהאַלטען איהר עקזיסטענץ, און איהר שטעהט פאָר אַ הונגער־טויט. פּראָלעטאַריאַט פערגרעסערט זיך מיט יעדען יאָהר. דאָס איינציגע מיטעל געגען דעם איז — אויפהערען אונטערצוהאַלטען די גרויסע מאַנופאַקטור־צענטערס, וועלכע דינען פאַר אַנ'אָרט פון ספּעקולאַציע פון קאַפּיטאַל און העלפען נאָר צו פעראָרימען און פערדאַרבּען די אַרבּייטער־מאַסע. אָנשטאָט דעם, לעגט אָווען פאָר, איינצופיהרען אין פערשידענע ערטער פון לאַנד אינדוסטריעלע לאַנדווירטשאַפטליכע קהלות אָדער קאָלאָניעס אויף די זעלבּע יסודות, ווי ער האָט פאָרגעלעגט אין זיין פריהערדיגען גרויסען בּעריכט. די מאָנאַרכען, וואָס זענען זיך צונויפגעפאָהרען אין אַהען, האָבּען זיך פערהאַלטען בּעת מעשה זעהר גוט צו אָווען'ס פּלאַן און שטאַרק זיך דערין פעראינטערעסירט, אָבּער די זאַך איז, געוועהנליך, ניט אויסגעפיהרט געוואָרען דורך זיי.

אין ענדע יאָהר 1818 איז אָווען צוריקגעקומען נאָך לאָנדאָן, וואו עס האָט זיך פאַר איהם געעפענט אַ נייער פעריאָד פון קאַמפּף. עס זענען אָנגעקומען אונרוהיגע צייטען... די לודיטען, ד. ה. יענע, וואָס האָבּען פערניכטעט מאַשינען, וועגען וועלכע מיר האָבּען שוין אויבּען געשריבּען, האָט מען געהאַנגען צעהנדליגער־ווייז, און אין איינציגע מאָנאַטען אַרום האָט בּעדאַרפט פאָרקומען די בּעוואוסטע מאַנטשעסטערישע בּלוט־בּאָד.

VIII.

דער אָנהויבּ פון מחלוקת.

ווען אָווען איז צוריקגעקומען נאָך ענגלאַנד, האָט זיך פאַר איהם אָנגעהויבּען אַ פעריאָד פון מחלוקת און שטרייטונגען, אָנשטאָט

די שטיצע, וואס ער האט פריהער געהאט. ביז יענער צייט האבען זיינע פלענער אונטערגעשטיצט: די גרויסע אריסטאקראטיע, א טייל גייסטליכע און א סך פון דער רייכער בורזשואזיע. זייער שטיצע האט געשטאמט איינפאך פון זייער טעות: זיי האבען ניט פערשטאנען זיינע אידעען. פריהער, ווי מיר האבען שוין געזאגט, האט די ארימקייט און דעמאראליזאציע פון די ארבייטער-קלאסען דערגרייכט ביז דער העכסטער מדרגה; צווישען די ארבייטער האט געהערשט א פערבעהאלטענע בעזע שנאה צו די בעלי-בתים, וועלכע האט זיך שלעכט אבגערופען אויף דער פאבריק-ארבייט און ארויסגעווארפען א שרעק אויף די פאבריקאנטען. זיי האבען מיט אונרוהיגקייט מודה געווען, אז די איצטיגע עקספלואטאציע פון ארבייט קען פיהרען צו א שלעכטען סוף פאר די פאבריקאנטען און דעריבער וואלטען זיי געווען צופריעדען, ווען מען זאל געפינען אזא מיטעל, וועלכער זאל זיי געבען די מעגליכקייט, ניט פערליערענדיג ווייטער זייערע פערדינסטען פון דער עקספלואטאציע, צו פערבעסערען אויך א ביסעל די לאגע פון די ארבייטער און איינצושטילען דערמיט זייער אויפגערעגטען כעס. אין ראבערט אווען האבען זיי געזעהן אזא מענשען, וועלכער איז ניט קיין רעוואלוציאנער, וועלכער ווענדעט זיך מיט זיינע רעפארמע-פלענער צו זיי גופא, וועלכער האט פאקטיש אליין בעוויזען, אז מען קען עס פראקטיש אויספיהרען; מיט איין ווארט — א מענש, וועלכער האט געקענט פערווירקליכען די שווערע אויפגאבע, דער וואלף זאל בלייבען זאט און דאס שעפסעל גאנץ: זיי זאלען בעקומען ווייטער גרויסע פערדינסטען פון די פאבריקען, און די לאגע פון די ארבייטער זאל אויך ווערען א ביסעל בעסער. דערמיט ערקלערט זיך דער ערפאלג, וואס זיינע פלענער האבען פון אנהויב געהאט צווישען די קאפיטאליסטען.

די ענגלישע אריסטאקראטיע האט ארויסגעוויזען נאך מעהר צופריעדענהייט מיט אווען'ס אידעען. באלד אין אנהויב פעריאד פון די גרויסע ערפינדונגען, ווען די אינדוסטריע האט זיך אנגעהויבען שטארק צו ענטוויקלען, איז אויפגעקומען דער אנטאגאניזם צווישען דער אריסטאקראטיע און דער אויף שנעל אויפגעוואקסענער רייכער בורזשואזיע. מורא האבענדיג, ערשטענס, אין ענגלאנד זאל זיך ניט איבער'הזר'ען די פראנצעזישע רעוואלוציע און אז אויך דא

וועט די בורזשואַזיע וועלען אַרויסשטופּען די אַריסטאָקראַטיע און אַריינגענעהמען די מאַכט אין איהרע הענד; מורא האָבענדיג, צווייטענס, עס זאָל זיך דאָ ניט פערשפּרייטען די אידעע פון די פראַנצעזישע יאַקאָבינער, — האָט די אַריסטאָקראַטיע צוזאַמען מיט דער רעגירונג געזעהן קודם כל צו דערשטיקען אין דער מאַסע יעדע פרייע אידעע וועגען בירגערליכע רעכט און זעלבּסטשטענדיגקייט און דערמיט האָט זי ניט ווילענדיג מיטגעהאָלפען צו פערשטאַרקען די מאַכט פון די פאָרשטעהער פון דער אינדוסטריע אויפ'ן רעכנונג פון דער אַרבּייטער-לאַגע. עס האָבען זיך שטאַרק ענטוויקעלט פאַבּריקען. פון דאָרך האָט מען זיך אַ שאָט געטהון אין די שטעדט. עס איז אָנגעקליבען געוואָרען אַן'אונגעהויער גרויסער רייכטום ביי די פאַבּריקאַנטען. די בעדייטונג פון דער ערד-אַריסטאָקראַטיע האָט אָנגעהויבען צו פאַלען, און די נייע קאָטטאָן-לאָרדען זענען געוואָרען געפעהרליכע קאָנקורענטען פאַר די ערד-לאָרדען. ווען די אַריסטאָקראַטיע האָט דערזעהן, אַז פאַר'ן שאָטען פון דער פראַנצעזישער רעוואָלוציע איז דאָ ניטאָ וואָס צו שרעקען זיך, דאַן האָט די טאָרישע רעגירונג מיט אַ גאַנצע רייהע דריקענדע געזעצען, וועלכע זענען אָנגעווענדעט געוועזען געגען דער ענטוויקלונג פון בירגערליכע פרייהייט, געסטאַרעט זיך צו דערשטיקען די בעדייטונג פון די מיטעל-קלאַסען. נאָר עס איז שוין געוועזען צו שפּעט, און דער נצחון פון דער בורזשואַזיע האָט זיך געענדיגט מיט דער וואַהל-רעפאָרמע פון יאָהר 1832, ביי וועלכער עס האָבען בעקומען דאָס וואַהל-רעכט די פרישע גרויסע האַנדעלס-שטעדט, וואָס האָבען דאָס רעכט ביז אַהער נאָך ניט געהאַט, און עס האָבען פערלאָרען דאָס וואַהל-רעכט די אַלטע קליינינקע לאָרדישע שטעדטלעך, וועלכע פלעגען שטימען בלויז לויט דעם בעפעהל פון לאָרד. אָט די רעפאָרמע האָט גרעסער געמאַכט די ווירקונג פון דער בורזשואַזיע אין פּאַרלאַמענט. אין דער צייט, ווען עס זענען געוואָרען בעוואוסט אָווען'ס פּלענער און זיינע ניו-לענאַרקער רעפאָרמען, האָבען זיך דאַן די פיהרער פון דער רעגירונג אין די פאָרשטעהער פון דער אַריסטאָקראַטיע שטאַרק אינטערעסירט מיט דער פראַגע, ווי צו דיסציפּלינירען און מאַכען זי פאַר אַ געהאָרכזאַמעס געוועהר אין זייערע הענד און דערפאַר פערזאָרגען די מאַסע מיט איהר עקזיסטענץ. זיי האָבען זיך דעריבער אָנגעהאַפט אָן אָווען'ס פּלענער, וועל-

כע האָבען, ווי זיי האָט זיך געדוכט, געקענט אָהן אַנ'איבערקערע־
יעניש אין עקזיסטירענדען סדר און מיט קליינע הוצאות פיהרען
צו זייער ציעל: בערוהיגען דאָס פאָלק, און עס איז אַלענפאַלס
כדאי צו מאַכען אַ פּראָבע. זיי האָבען אָבער באַלד בעמערקט זייער
טעות, זיי האָבען דערזעהן, אַז אָווען איז ניט זייער מענש און
זיך דעריבער גלייך אָבגעטרייסעלט פון איהם.

די רעדעס, וועלכע ער האָט געהאַלטען פאַר זיין רייזע נאָך
אויסלאַנד אויפ'ן מיטינג אין לאָנדאָן, וואו ער האָט אָפען אַרויס־
געזאָגט זיין פרייע מיינונג איבער רעליגיע, האָבען אויפגעשטעלט
געגען איהם די קלעריקאַלען, וועלכע ער האָט אין דער רעדע בע־
שולדיגט, אַז זיי הנפ'ענען די גבירים און, דרשנ'ענדיג שטענדיג
איבער'ן „ואָהַבת לרעך כמוך”, זענען זיי דאָך קיינמאָל ניט אימ־
שטאַנד געווען עפּעס צו ווירקען, אום צו פערקלענערען די צרות,
וואָס דער המון ליידעט פון דער דריקונג פון זיינע אייגענע ברידער.

אין איינער פון די פּאַרלאַמענטאַרישע זיצונגען האָט איינער
פון אָווען'ס אָנהענגער, ווילליאַם קרעספּינע, פאָרגעשלאָגען,
מען זאָל בעשטימען אַ קאָמיסיע צו בעקלערען אָווען'ס פּלענער.
ער האָט געזאָגט, אַז פאַר די העכערע קלאַסען איז זעהר נויטיג
צו בעקאַנען זיך מיט דער לאַגע פון די אָרימע, כדי צו וויסען,
ווי זיי אויסצוהעלפען, ווען ניט — קען די אַנאַרכיע און בלוטיגע
אונרוהען ווערען אַ געפאַהר פאַר דער גאַנצער געזעלשאַפט. בע־
זוכענדיג ניו־לענאַרק, — האָט ער צוגעגעבען — האָט ער זיך אי־
בערצייגט, וואָס פאַר אַ גוטע רעזולטאַטען מען קען דערגרייכען דורך
פערנונפטע ערציהונג. ביי דער אָבשטימונג איבער קרעספּינע'ס
פאָרשלאַג איז פאַר איהם געגעבען געוואָרען 16 שטימען און געגען
איהם 114. די ציפער פון 114 שטימען געגען אַ פאָרשלאַג, וואָס
האָט געציעלט צו פערבעסערען דעם שיקזאַל פון די ליידענדע מי־
ליאָנען אָרימע און אַרבייטער, ניט ווייל זיי האָבען געהאַט אַנ'אַנ־
דערען בעסערען מיטעל, נאָר פשוט, ווייל עס שאַדט זייער קע־
שענע, אָט די ציפער רעדט פאַר זיך זעלבסט בעסער, ווי ווער־
טער.

אויפ'ן צווייטען יאָהר האָט אָווען דערלאַנגט אין דער פער־
וואַלטונג פון דער גראַפשאַפט לענאַרק אַ בעריכט וועגען די מיט־
לען צו קעמפּפען מיט אָרימקייט. דאָ זאָגט ער אַגב אורחא אַרויס

צו'ם ערשטען מאָל, אַז „מענשליכע אַרבּײַט און ניט געלד דאַרף זײַן די מאָס פון טויש". אויף דעם יסוד האָט ער גאָבּהער געגרינדעט אַן'אונטערנעהמונג אונטער'ן נאָמען „איבּערטוי-שונגען פון נאַציאָן־אַרבּײַט".

אין יאָהר 1821 איז אין פּאַרלאַמענט ווידער אַרײַנגעטראָגען געוואָרען אַ פּעטיציע, מיט פיעל אונטערשריפטען, מען זאָל בּיל-דען אַ קאָמיסיע צו בּעזוכען ניו־לענאַרק און געבּען אַ ריכטיגען בּע-ריכט איבּער די דאָרטיגע אָרדנונגען. די פּעטיציע האָט געהאַט דעם זעלבּען סוף, ווי די פריהערדיגע.

מיר האָבּען שוין דערמאָהנט וועגען וויליאַם אַללען, איי-נעם פון די וויכטיגסטע שותפים אָווען'ס אין ניו־לענאַרק. ער האָט געהערט צו דער רעליגיעזער סעקטע קוואַקער און זיך גע-רעכענט פאַר איינעם פון די גרעסטע פילאַנטראָפּען, אָבּער מיט ענגע אַנשויען און מיט דעם בּעזונדערען אַרט פרומקייט, וועלכע איז אַרומגענומען מיט דער גאוה'שער מיינונג פון אַ „אַתה־בחרתנו'ניק". אַללען האָט זיך באַלד אין אָנהויבּ געשטעלט אין אַ אָפּאָזיציע צו אָווענ'ען, שטענדיג איהם געשטערט, אימער געהאַט צו איהם טענות, איבּערהויפּט פאַר דעם, וואָס מען וואָרצעלט ניט איין אין די קינדער פרומקייט, און ער האָט סוף כל סוף געבּראַכט דערצו, אַז אָווען האָט געמוזט פערלאָזען די זאַך, פאַר וועלכער ער האָט געאָפּפערט זיינע בּעסטע קרעפטען.

איינער פון די ערשטע אָנהענגער פון אָווען'ס אידעען איז געוועזען דער בּעוואוסטער אַבּרהם קאָמבּ. אין יאָהר 1820 צווי-שען פיעל אַנדערע בּעזוכער איז ער אויך געוועזען אין ניו־לענאַרק. אַלץ, וואָס ער האָט דאָרט געזעהן, האָט געמאַכט אויף דעם פּע-היגען און ענערגישען מענשען אַ שטאַרקען איינדרוק. ער איז דאַן אַלט געוועזען 35 יאָהר. קיינע סימנים זענען אין איהם ניט געוועזען פון אַ צוקינפטיגען סאָציאַלען רעפאָרמאַטאָר. ער האָט געוואָהנט אין עדינבּורג, דאָרט זיך פערנומען מיט זיין מלאכה — גאַרבּערײַ און אין זינען געהאַט בּלויז פּרנסה. נאָך דעם, ווי ער האָט בּע-זוכט ניו־לענאַרק, איז אין איהם פערגעקומען אַ שטאַרקע איבּערקערע-רעניש. ער האָט אָנגעהויבּען צו פיהרען אַ שטרענג לעבּען, אַוועק-געוואָרפען שטאַרקע געטרענקע און איז זאָגאַר געוואָרען אַ וועגע-טאַריאַנער. ווערענדיג אַ שטאַרקער מאמין אין די אידעען פון גע-

מיינשאַפטליכען לעבען, וועלכעס אָווען האָט פּראָפּאַגאַנדירט, האָט ער קודם כל אָנגעהויבען אַרויסצוגעבען קליינע ביכלעך איבער סאָציאַלע פראַגען, נאַכהער האָט ער זיך גענומען צו פּראַקטישע אַרבייט. נאָך איינִיגע פּראָבען איינצואָרדנען אין זיין נאָהענטען קרייז אַ קאָאָפּעראַטיווע חברה פון אַרבייטער, ביי וועלכער אַלע לעבען בשותּפות, איז ער זיך צוזאַמענגעגאַנגען מיט אַ שאָטלענדישען גוט־בעזיצער האַמילטאָן, וועלכער האָט נאָך פריהער פאָרגעשלאָגען צו געבען ערד אויף צו פערווירקליכען אַלס פּראָבע אַ קאָלאָניע נאָך אָווען'ס סיסטעם. זיי האָבען ביידע געקויפט דאָס קליינע גוט אַרביסטאָן, ניין מייל פון גלאַזגוי, און אין יאָהר 1825 האָבען זיי גענומען אויפשטעלען די נויטיגע געביידעס, וועלכע זענען געוועזען אויסגערעכענט אויף 100 פאַמיליעס. אויסער בעזונדערע וואָהנונגען פאַר יעדער פאַמיליע, איז דאָ געוועזען: אַנ'אַלגעמיינע קיך, עס־שטוב, ביבליאָטעק, שולע און אַנדערע קהל'שע אַנשטאַלטען, וועלכע זענען שוין פערווירקליכט געוואָרען אין ניו־לענאַרק. אויף דעם רוף פון די גרינדער זענען אָנגעקומען אַ סך פערשידענע אַרטען מענשען פון ענגלאַנד און שאָטלאַנד, אַזוי, אַז צום ענדע יאָהר 1826 זענען שוין דאָרט געוועזען 300 פערזאָן. אַלע מיטגליעדער האָבען געמוזט אַליין אַרבייטען און בעקומען אַלע נויטיגע לעבענס־פּראָדוקטען פון די אַלגעמיינע שפּייכלערס פּראָפּאָרציאָנעל לויט'ן פערדיענסט, אַזוי, אַז יעדער מיטגליעד פון דער קאָלאָניע איז געוועזען אַ דעביטער און אַ קרעדיטער: אַלץ, וואָס ער האָט אָנגענומען אין די אַלגעמיינע שפּייכלערס, האָט זיך פערשריבען אויף זיין רעכנונג אַלס דעבעט, אַז ער איז שולדיג, און די גאַנצע אַרבייט זיינע האָט זיך פערשריבען אין רעכנונג אַלס קרעדיט, וואָס קומט איהם. אַלע פערדיענסטען פון דער קאָלאָניע, וואָס זענען געבליבען ריינע, נאָכ'ן אָבצאָהלען דעם פּראָצענט און אַ טייל אויפ'ן קרן פון אַריינגעלעגטען קאַפּיטאַל — האָבען זיך צוטיילט אויף גלייכע חלקים צווישען די אַרבייטער. די מענשען, וואָס האָבען זיך דאָרט צונויפגעקליבען פאַר קאָלאָניסטען, האָבען זיך אַזוי אונטערשיידעט איינער פון צווייטען הן אין ערציהונג, הן אין כאַראַקטער און אַרבייטספעהיגקייט, אַז מען האָט געמוזט האָבען די גאַנצע שטאַרקע ענערגיע, טאַלאַנט און פּראַקטישע קונסט פון קאָמבי'ן, מען זאָל קענען מאַכען אַנ'אָרדנונג אין דער אינאָרדנונג פון דער געזעלשאַפט, וועל־

כע איז אויפגעשטעלט פון פערשידענע מינים מענשען. נאָר אַ דאַנק זיין פעסטען ווילען און אָרגאַניזאַטאָרישע פעהיגקייטען האָט זיך אין דער נייער קאָלאָניע, אין אַ יאָהר אַרום נאָך איהר גרינדונג, אָנגעהויבען איינצושטעלען אַן'אָרדנונג. געאַרבייט האָבען אַלע זעהר פלייסיג; קינדער ביז 12 יאָהר האָבען געלערענט אין שוהלע, נאָך דעם עלטער האָבען זיי זיך פערנומען מיט געזונדטע, פאַסענדע פאַר זייערע יאָהרען, אַרבייטען; די קאָלאָניסטען זענען געוועזען געקליידעט אין איינענע, אַליין אויסגעאַרבייטע זאַכען, איינפאַכע, נאָר וואַרימע און בעקוועמע; די שפייז זייערע איז אויך געוועזען איינפאַכע, נאָר געזונדטע און נאַהרהאַפטע. דער כאַראַקטער פון די קאָלאָניסטען האָט זיך אויך איבערגעביטען אויף בעסער: שכרות און אַנדערע פעהלערען, אונטער דער ווירקונג פון אַלעמענס פאָרוואורף, זענען פערשוואונדען. פרויען, וועלכע האָבען דאָ געהאַט דיזעלבע רעכט, וואָס מאַנסלייט, זענען געוועזען פערנומען גלייך מיט אַלעמען, אינטערעסירט זיך אויך מיט כלל-אַרבייט און אויפגעהערט צו פיהרען צווישען זיך פוסטע מחלוקת'ן. אין דער קאָלאָניע האָט מען אַפילו אויפגעשטעלט אַן'איינענעם טעאַטר, אַרויסגעגעבען אַן'איינענעם זשורנאַל „אַרבסטאָנישער רעגיסטער", און אין איהם האָבען זיך אָנגעהויבען בעווייזען אַרטיקלען פול מיט צופרידענע האָפנונגען אויף די שטאַרקע פעסטקייט פון דער קאָלאָניע, וועלכע וועט דינען אַלס מוסטער פאַר פיעל אַזעלכע קאָלאָניעס ניט בלויז אין ענגלאַנד, נאָר אויך אין גאַנץ אייראָפּא און אַמעריקא. דער מענש אָבער, וועלכער האָט געלעגט דעם גרונד צו דער דאָזיגער זאַך, איז שוין געוועזען ביים מלאך המות אין די הענד. פון דער שוועכער און ניט אַיינגעוועהנטער אַרבייט מיט דער לאָפּאַטע האָט ק אָ מ ב אינגאַנצען פערלאָרען דאָס געזונד און געשטאָרבען אין יאָהר 1827. די ליעבע זאַך זיינע, וועלכע ער האָט אַיינגעאָרדענט, נאָר נאָך ניט אינגאַנצען אַיינגעפעסטיגט, איז מיט זיין טויט צופאַלען. אָרביסטאָן האָט אָבגעקויפט אַ נאָהענטער גוט-בעזיצער, און די גרויסע געביידע, וואו עס האָבען געוואָהנט די קאָלאָניסטען און אין וועלכער עס האָבען זיך געפונען די פערשידענע קהל'שע אַנשטאַלטען, איז פערקויפט געוואָרען אויף מאַטעריאַל.

וואָס וואָלט געוואָרען מיט דער קאָלאָניע, ווען ק אָ מ ב וואָלט לענגער געלעבט, צי זי וואָלט עקזיסטירט אָדער ניט — קען מען,

געוועהנליך, אויף בעשטימט ניט זאגען, נאר דאך בעוויזט עס, וואס פאר א שוואכען גרונד די זאך האט געהאט, ווען מיט דעם טויט פון איין מענשען, זאל זיין אפילו דער אנפיהרער, איז זי צופאלען, און עס איז דעריבער א גרויסער צווייפעל, אויב זי וואלט א קיום געהאט מיט זיין לעבען.

.IX

די רייזע נאך אמעריקא.

אזוי ווי אווענ'ען איז ניט געלונגען צוצוציהען די ענגלישע רעגירונג און געזעלשאפט צו זיין פלאן פון גרינדען קאלאניעס אויף דעם יסוד פון געמיינשאפטליכען לעבען, דורך וועלכען ער האט גערעכענט אבצושאפען די ארימקייט און ענטוויקלען נייע מאראלישע יסודות צווישען די ארבייטער־קלאסען — האט ער בעשלאסען צו פאהרען אין דאס נייע לאנד, וועלכעס איז נאך ווייניג געווען אנגעשטעקט מיט די אלטע איינרעדענישען און מנהגים, וואו ער האט גערעכענט צו געפינען א גרויסען פלאץ פאר זיינע פלענער און טרעפען גינסטיגערע פערהעלטניסע צו זיינע אידעען.

אין יאהר 1823 איז ער געפאהרען נאך אמעריקא, וואו ער האט שוין געהאט נאהענטע פערבינדונגען, דען זיינע זיהן האבען זיך נאך פריהער דארט בעזעצט, און זיין עלטערער זוהן, ראבערט דעל־אווען, איז דאן געווען דעפוטאט אין קאנגרעס. אווען'ס אידעען זענען געווארען פאפולער אין אמעריקא. די פארשטעהער פון דער רעגירונג און די רייכע קלאסען האבען איהם דארט ניט געשטערט אזוי ווי אין ענגלאנד און ער האט זיך דא ערווארבען א סך אנהענגער און פריינד. דער צוועק פון זיין רייזע איז ניט געווען בלויז צו פראפאגאנדירען די אידעען, נאר צו פערווירקליכען אין א גרויסען מאסשטאב די פלענער, וועלכע ער האט ביז אהער אהן א ערפאלג געפרעדיגט אין ענגלאנד.

אין דעם שטאט אינדיאן ביי'ם טייך וואבאש האט פון יאהר 1814 עקזיסטירט א דייטשע קאלאניע אונטער'ן נאמען הארמאניע. איהרע איינוואהנער, רעליגיעזע סעקטאנטען, זענען געקומען פון דייטשלאנד, צוזאמען מיט'ן פיהרער און גרינדער פון זייער סעקטע

רִפּפּ. די האַרמאָניסטען זענען געוועזען אַ רעליגיעזע עוואַנגעלישע סעקטע מיט שטרענגע, כמעט אַסקעטישע (נזירות׳שע), רעגעלען, וועלכע האַלטען ניט פון עולם הזה און פאָדערען מען זאָל זיך שטאַרקען ניט נאָכצוגעבען די תאוות פון הומר, פאַסטען און ניט אָנטהון זיך קיין תענוגים פון דער וועלט. זיי האָבען זיך געסטאַרעט צו דערגרייכען דעם אידעאַלען לעבען פון די ערשטע קריסטען. זיי האָבען זיך פערנומען מיט ערד־אַרבייט. יעדע פאַמיליע האָט געהאַט אַ בעזונדער שטיבעלע, נעבען וועלכען עס איז געוועזען אַ גאָרטען מיט אַ קליינער צאָהל פיה און עופות; אָבער אויסער דעם איז קיין שום פּריוואַט־אייגענטום ניט געוועזען, און דאָס גאַנצע פערמעגען פון דער קאָלאָניע, אויך אַלע פּראָדוקטען פון זייער אַרבייט האָט געהערט צו דער גאַנצער קהלה אינאיינעם. אין אָנהויב, אין יאָהר 1804, האָבען זיי זיך בעזעצט אין שטאַט פּענסילוואַניע, נאָר אין יאָהר 1814 זענען זיי איבערגעגאַנגען אין אינדיאַנער שטאַט, וואו זיי האָבען געגרינדעט דאָס שטעדטעל זייערם. ניט קוקענדיג אויף זייער רעליגיעזע אַסקעטישע פיהרונג אין לעבען, איז די ווירטשאַפט דאָך גוט געפיהרט געוואָרען און די געמיינדע האָט געהאַט גרויסע איינקינפטען, אַזוי, אַז דער ערשטער אַריינטראָג פון יעדען מיטגליעד, וועלכער האָט אויסגעמאַכט 25 דאָלאַר — איז איצט אויסגעוואַקסען ביז 2,500 דאָלאַר. דערהערענדיג, אַז די האַרמאָניסטען ווילען פערקויפען זייער קאָלאָניע, כדי זיך צוריק צו בעזעצען אין פּענסילוואַניע, איז אָווען אַהין געקומען אַלס קונה און אָבגעקויפט די פאַר 140 טויזענד דאָלאַר. אָווען האָט אָנגעהויבען אויפרופען קאָלאָניסטען, און אין אַ משך פון געניגע דריי מאָנאַטען האָבען זיך אַרום איהם שוין צונויפגעקליבען ביז 900 מענשען, וועלכע האָבען געוואָלט ווערען מיטגליעדער פון דער נייער קאָלאָניע און אָנהענגער פון זיינע אידעען. די אויפגעקליבענע זענען געוועזען מכל המינים. דאָ זענען געוועזען מענשען־אידעאַליסטען, וועלכע זענען גרייט געוועזען צו אַרבייטען שווער און אפילו צו ליידען אין אָנפאַנג, אבי זיי זאָלען קענען אָנהויבען פיהרען אַ נייעם לעבען, וואָס זאָל שטימען מיט די אידעען פון יושר און מענשליכען גליק, דאָ זענען אויך געוועזען אַ סך אַזעלכע מענשען, וועלכע האָבען געהאַט נאָר איין צוועק — צו בעקומען אַ רוהיגען, פערזיכערטען לעבען ביי ווייניג און לייכטע אַרבייט און אַם ענדע איינפאַכע אָרימע לייט, וועלכע

האבען ביז אהער ניט געהאט, וואו זיך אהין צוטהון און וועגען
צופריעדען געוועזען צו בעקומען איצט א שטיקעל מקום-מנוחה, ווי-
טער האט זיי קיין זאך מעהר ניט אינטערעסירט. אין יסוד פון
דער נייער קאלאניע וועגען געלעגט געווארען די בעוואוסטע פרינ-
ציפען פון גלייכהייט, געמיינשאפטליכע ארבייט, געמיינזאמעס פער-
מעגען און צאהלען פאר ארבייט מיט פראדוקטען. אין אויגוסט
1825 האט אווען אויפגעקליבען אט דעם גאנצען עולם און פאר-
געלעגט זיי דעם צוועק, וואס ער האט געהאט, גרינדענדיג די נייע
קאלאניע. ער האט קיינמאל ניט געקלערט, זאגט ער, אז עס איז
לייכט איבערצוגעהן מיט איין מאל פון די אלטע געוועהנהייטען, פון
דעם סיסטעם פון קנאה און קאנקורענץ צו דעם סיסטעם פון קאא-
פעראטיווע ארבייט, וואס קען פערווירקליכט ווערען ערשט ביי'ם
צווייטען דור, וועלכער איז שוין פריהער צוגעגרייט געווארען דערצו
מיט א פערנונפטע ערציהונג. נאר אויך איצט קען מען נאך א סך
אויפטהון אין דער ריכטונג. נייע הארמאניע (אזוי האט געהיי-
סען די קאלאניע) דאס איז א פרוזדור, א פארהויז, וואו מיר קע-
נען זיך פריהער בעפרייען פון די אלטע, אבגעטראגענע קליידער,
פון אלטע געוועהנהייטען, איינגעווארצעלטע אבערגלויבענס, אנטהון זיך
אין נייע קליידער און צוגרייטען זיך צו דעם נייעם פערנונפטיגען לע-
בען, וועלכעס ערווארטעט אונז אין צוקונפט. די געמיינדע וועט זיך
דעריבער רעכנען דאס ערשטע יאהר, נאר ווי א „פארלויפיגע געזעל-
שאפט“, אלס פראבע; נאכ'ן יאהר וועט מען שוין זעהן, ווער פון
די נייע חברים פון דער קאלאניע איז גענוג צוגעגרייט, ער זאל קע-
נען אריינגעהן אין א נייעם לעבען, וועלכעס איז געגרינדעט אויפ'ן
פרינציפ פון געמיינזאמע ארבייט און גלייכען צוטיילען די פראדוק-
טען; דאן וועט שוין איננאנצען ארגאניזירט ווערען די געמיינדע.
פון די חברים זעלבסט פון דער נייער קאלאניע האט זיך ארגאניזירט
אן'ארדנונגס-קאמיטעט, וועלכער האט זיך געריכטעט אין זיין אר-
בייט מיט אווען'ס סיסטעם. באלד אין אנפאנג, ווי מען האט
נאר אנגעהויבען צו מאכען אין „נייע הארמאניע“ די פראבען פון
בעזעצען אויף א געוויסען טעריטאריום א צאהל מענשען מיט פער-
שיעדענע פון פריהער פערנעהמונגען, געוואהנהייטען, מיינונגען, בע-
גריפען, רעליגיעזע און וועלט-אנשויאונגען, האט מען באלד געוואוסט,
אז די זאך וועט קיין קיום ניט האבען. אין דער מאסע, וועלכע

האָט זיך אויפגעקליבען אין דער קאָלאָניע אויף אָוועָן'ס אויפרוף, זענען מענשען איבערציינט, וואָס האָבען אין זינען געהאַט בלויז די אידעע און געוואָלט מיט אַנ'אֶמת אַרבייטען אין נייע בעדינגונגען פון לעבען, געוועזען דער מיעוט; דער גרעסטער טייל איז אַהער געקומען צו לעבען זיך רוהיג און אָהן זאָרג, גלויבענדיג אין זיינע הבטחות און רעכענענדיג, אַז אַלץ וועט מען שוין זיי איינאָרדנען. נאָר אַ דאַנק דעם ענטוזיאַזם און שטאַרקען גלויבען אין כח פון זיינע פרינציפען, האָט ראָבערט אָוועָן בעשלאָסען אָנצוהויבען אַרבייטען אַזאַ זאַך, ווי צו בעזעצען מענשען אויף אַ פרישען טעריטאָריום און אַיינגעוועהנען זיי צו אַנ'אַנדער לעבען, וואָס איז בשום אופן ניט מעגליך אויסצופיהרען. עס איז נאָר צו בעוואונדערען זיין שטאַרקע ענערגיע און אָרגאַניזאַטאָרישע פעהיגקייט, אַ דאַנק וועלכער ער איז אימשטאַנד געוועזען עפּעס אויפצוטהון ביי אַזעלכע שלעכטע בעדינגונגען. די ערשטע קאָלאָניע האָט זיך שוין אין יאָהר 1827 צוטיילט אויף איינינע געמיינדעס, לויט דעם אַרט אַרבייט, מיט וועלכע די קאָלאָניסטען האָבען זיך פערנומען, און די שטאָדט נייע האַרמאָניע איז געוועזען דער צענטער און דאָרט האָט זיך געפונען דער הויפּט־שפּייכלער פון פּראָדוקטען, וואָס די קאָלאָניסטען האָבען בעקומען פאַר זייער אַרבייט. ביסלעכווייז האָבען זיך דאָרט גאָר אָנגעהויבען אַרומרייסערייען און קריגן איבער פערשידענע מיינונגען. די קינדער־ערציהונג, וואָס איז ביי אָוועָנ'ען געוועזען דער הויפּט־ענין פון זיין אַרבייט, האָט פערלאָרען די איינינקייט אין סיסטעם; עס האָבען זיך אַריינגעמאַכט אַזעלכע לעהרער אין איינינע שולען, וואו דער כאַראַקטער פון לערנען האָט גאָר ניט געשטימט מיט אָוועָן'ס אַנשויאונגען. אפילו די צוויי הויפּט געזעלשאַפטליכע מכות — קאָנקורענץ און מאָנאָפּאָל, — מיט וועלכע אָוועָן האָט אַזוי געשטריטען, האָבען אָנגעהויבען אַריינקריכען אין נייע האַרמאָניע. דער סוף איז געוועזען, אַז ער האָט אַליין דערוועהן, דאָס אפילו ביי דער אָנגעשטרענגסטער אַרבייט און ווירקונג פון איין מענשען, דאַרף ווערען אַ סך צייט אַוועקגעהן, מען זאָל קאָנען איבערבעשאַפען און איבעראַנדערשען די אַלטע געזעלשאַפטליכע געוואָהנהייטען, וועלכע זענען אויסגעוואַקסען אין דעם משך פון אַזוי פיעל הונדערטער יאָהרען.

אין יאָהר 1828, ווען ער איז צוּ'ם לעצטען מאָל געקוּמען נאָך אַמעריקא, האָט ער געמאַכט אַ מיטינג פוּן די קאָלאָניסטען אוּן זיי ערקלערט, אַז ער ענטזאַגט זיך ווייטער אין דעם צוּ אַר-בּייטען. ער האָט געזאָגט: „די פּראָבּע האָט בּעוויזען, אַז מענ-שען, וועלכע האָבּען זיך ערצויגען בּיי'ם אַלטען סיסטעם פוּן אינ-דיווידואַליזם, בּיי וועלכען יעדער מענש לעבּט בּעזונדער אוּן זאָרגט נאָר פאַר זיך אַליין, קענען זיך ניט אַזוֹי געשווינד דורכנעהמען מיט געדולדקייט צוּ יענעמס מיינוּנגען אוּן פיהלען אַ בּרידערליכע ליעבּע איינער צוּ'ם צווייטען, אָהן וועלכע ס'איז אוּנמעגליך, עס זאָל עקזיסטירען שלוֹם אוּן צוּטרוֹי צווישען די מיטגליעדער פוּן דער קאָלאָניע אוּן אָהן וועלכע עס קען ניט עקזיסטירען קיין שוּם געהנליכע געזעלשאַפט. נאָר — גיט ער צוּ ווייטער — איך קען ניט מאַכען קיין פאָרוואורפע מיינע הברים דערפאַר, וואָס זיי האָבּען ניט פערשטאַנען דעם נוּץ פאַר זיך פוּן דער נייער פיהרוּנג. איך פיהל בּלויז אַ מיטלייד מיט זיי אוּן וועל זיך סטאַרען אַרויסצוּ-געהמען פאַר אַלעמען אַ נוּץ פוּן מיינע טעוּת'ן.

אין דעמזעלבּען יאָהר 1828 האָט אָוועֶן בּעזוּכט וועסט-אינ-דיען אוּן מעקסיקא, וואוּ ער האָט געוואָלט בּעקוּמען אַ גרוֹיסען טעריטאָריוּם אויף איינצוּאָרדנען אַ נייעס לאַנד מיט אַ גרוֹיסער בּע-פעלקערוּנג, לוֹיט זיין סיסטעם. נאָר אַזוֹי ווי די רעגיערוּנג האָט איהם ניט געקענט גאַראַנטירען אין דעם לאַנד פוּלע פריי הייט פוּן גלוֹיבּען, וועלכע אָוועֶן האָט געשטעלט אַלס הויפּט-בּעדינגוּנג, האָט ער דעם פאָרשלאַג פוּן טעריטאָריוּם ניט אָנגענוּמען.

ענטזאַגענדיג זיך פוּן צוּ בּעקוּמען אַ גאַנצעס לאַנד, צוּליעבּ דעם פּרינציפּ פוּן גלוֹיבּענס-פרייהייט, איז אָוועֶן אַוועק צוּריק נאָך ענגלאַנד, וואוּ איהם איז פאָרגעשטאַנען אַ מעהר פרוּכטבּאַרע אַרבּייט.

X.

קאָאָפּעראַציאָן און אַרבייט-אויסטויש.

נאָך איידער אָוועַן איז געפּאָהרען נאָך אַמעריקא, האָט איהם שוין אינטערעסירט די אידעע פון אָרגאַניזירען קאָאָפּעראַטי־ווע הברות. ער איז דערביי אויך געגאַנגען מיט זיין אַלטען וועג און זיך צום ערשטען געווענדעט מיט דעם פּלאַן צו די העַ־כערע און רייכע קלאַסען. און ווי שטענדיג, האָט ער איצט אויך דאָרט קיין ערפאָלג ניט געהאַט. איהם איז, אַלזאָ, יעצט פאָר־געשטאַנען צוויי פערשיעדענע וועגען: ענטוועדער אָבלאָזען איננאַנ־צען די געזעלשאַפטליכע אַרבייט און פיהרען זיך אַ רוהיגען לעַ־בען פון אַ רייכען, בהשובדיגען מענשען, אָדער אָנהויבען אַרביי־טען צווישען דער מאַסע און איהר פּראָפּאַגאַנדירען זיינע אידעען, פיליכט וועט די מאַסע אליין פערשטעהן איהר לאַגע און נעה־מען אַנ'אַנטהייל אין דער זאַך, וועלכע איז פערבונדען מיט איהרע אינטערעסען. די אַרבייט איז געוועזען זעהר אַ שווערע, ווייל פרי־הער איז נאָך קיין שום פּראָפּאַגאַנדע פון זיינע אָדער אַנדערע אי־דעען ביי די אַרבייטער מאַסען ניט געפיהרט געוואָרען. זיי זענען געווען אונטערדריקט פון דעם נייעם אינדוסטריע־סיסטעם, דערצו נאָך האָט די ענגלישע רעגירונג, מורא'האָבענדיג, עס זאָל זיך דאָ ניט אָברופען די פראַנצעזישע רעוואָלוציע, מיט פערשיעדענע מיט־לען דערשטיקט יעדע פערזענליכע איניציאַטיווע, יעדע מעגליכקייט פון קאָלעקטיווע אַרבייט צווישען די אַרבייטער און אָבגעגעבען זיי אין די הענד פון די פאַבריקאַנטען. דער רעזולטאַט פון אַזאַ פיה־רונג איז געוועזען, אַז די אַרבייטער זענען געוואָרען פעראָרימט, פער־גרעבט און מאָראַליש פערדאָרבען. אָוועַן האָט געמוזט קודם כל גרינדען איינינע הברות פון בעוואוסטזיניגע, ענערגישע מענשען, וועלכע זענען איבערגעגעבען מיט ענטוזיאַזם צו דער זאַך, אום צו פערשפּרייטען זיינע עקאָנאָמישע אידעען צווישען די אַרבייטער־מאַסען און איבערצייגען זיי דורך פּראָבען אין די צוועקמעסיגקייט פון זיינע פּלענער, וועלכע שטרעבען צו פערבעסערען דערוויַיל זייער מאַטעריעלען און מאָראַלישען צושטאַנד.

אין יאָהר 1821 האָט איינע אַזאַ חברה אין לאָנדאָן אָנגע־הויבען אַרויסצוגעבען אַ וואָכענבלאַט „עקאָנאָמיסט“, וועלכעס האָט זיך געשטעלט אַלס צוועק צו פּראָפּאַגאַנדירען צווישען די אַרבּיי־טער, זיי זאָלען גרינדען פּראָדוקציאָן־און־געברויך־אַסאָציאַציעס. אין דערזעלבער צייט האָט אַ גרופּע לאָנדאָנער זעצער געגרינדעט אַ „קאָאָפּעראַטיווע און עקאָנאָמישע געזעלשאַפט“, וועלכע פלעגט זיך צונויפקלייבען אין דער דירה פון דער רעדאַקציע און דאָרט בעקלערען, ווי אַזוי דורכצופיהרען אָווען׳ס פּלענער צווישען די אַרבּייטער. זיי האָבען גערעכענט איינצואָרדנען אַן אַרבּייטער־אַסאָ־ציאַציע פון 250 פאַמיליעס, וואָס זאָלען וואָהנען אין איין אַלגע־מיינע געביידע אָדער עטליכע צוזאַמענדיגע געביידעס מיט אַלגע־מיינע קיכען און עס־שטיבען. פון די ווערענטליכע אָבצאָהלונגען דאַרף זיך צונויפקלויבען אַ קאַפּיטאַל, מיט וועלכען זיי זאָלען קע־נען אַלע צוזאַמען מאַכען אַ קאָאָפּעראַטיווע אונטערנעהמונג, וואו יעדער מיטגליעד פון דער אַסאָציאַציע זאָל דאָרט האָבען אַרבּייט און פערדיענען אויף זיין לעבענס־געברויך. דעם פּלאַן זענען זיי ניט אימשטאַנד געווען אויסצופיהרען אין זיין גאַנצער ברייטקייט, און צוליעב ווייניג געלד־מיטלען און קליינע צאָהל מיטגליעדער האָבען זיי געמוזט בעגרענצען זייער פּראָגראַם און בענוגענען זיך בלויז מיט׳ן צוגרייטען נויטיגע פּראָדוקטען פאַר׳ן געברויך פון אַלע מיטגליעדער אויף הורט־פּרייז, ד. ה. — מיט דער אידעע פון קאָנסום־פעראיינען. דאָס איז ביי זיי געווען בלויז אַ דערווייליג מי־טעל, דער עיקר צוועק איז געבליבען, ווי זיי זאָגען אין זייער בע־שטימונג, „איינצואָרדנען אַזאַ פּראָדוקציאָנס־ און געברויכס־אַסאָציאַ־ציע, ביי וועלכער עס זאָלען קענען פערווירקליכט ווערען די פּלע־נער, וואָס זענען ענטוויקעלט געוואָרען דורך דעם וואָהלטהעטער פון דער מענשהייט — ראָבערט אָווען פון ניו־לענאַרק“.

נאָך דער דאָזיגער חברה זענען באַלד געגרינדעט געוואָרען נאָך איינינע חברות אין פערשיעדענע ערטער אין ענגלאַנד. ענדע יאָהר 1824 איז אין לאָנדאָן ענטשטאַנען אַ קאָאָפּעראַטיווע חברה, וועלכע האָט געטראָגען אַ ליטעראַרישען כאַראַקטער; זי האָט אַרויסגעגעבען בראָשורען, בלעטער, און דורך פערזאַמלונגען, אויף וועלכע מען האָט געלעזען לעקציעס און אַרומגערעדט איינינע עקאָ־נאָמישע פראַגען מיט אָווען׳ס נייעם סיסטעם, האָט זיך די חברה

געסטאַרעט צו פערשפרייטען צווישען דאָס פובליקום זיינע אידעען. ראָבערט אָווען אַליין האָט אָפט גענומען אַן־אַנטהייל אין די פערזאַמלונגען, ערקלערט זיינע טעאָריעס און דיספוטירט מיט די מאַלטוסיסטען (די אָנהענגער פון מאַלטוס׳עס שיטה). ענדע יאָהר 1826 האָט די הברה אַרויסגעגעבען אַ זשורנאַל „קאָאָפּעראַטיווער זאַמעלבוך“, וועלכעס האָט אַ סך געהאָלפען צו פערשפרייטען אָווען׳ס אידעען וועגען די נוץ פון אַסאָציאַציע אין איהרע פערשיעדענע פאָרמען. די ערשטע צייט האָבען זיך זיינע אָנהענגער פאָרגענומען אויסצופיהרען די אידעען אין אַ ברייטער פאָרם, ווי למשל, איינצואָרדנען קאָלאָניסטישע אין קאָאָפּעראַטיווע געמיינדעס. אום דאָס צו פערווירקליכען, האָט מען בעדאַרפט גרויסע מיטלען און מען איז דעריבער אַ סך אָבהענגיג געווען אָן דער שטיצע פון דער גבירים, וואָס האָט געוועהנליך געשטערט דעם ערפאָלג פון דער זאַך. נאָר אין יאָהר 1827 האָט זיך אין זשורנאַל בעוויזען אַן אַרטיקעל: „פערלאָזט אייך בלויז אויף זיך זעלבסט“, און פון יענער צייט אָן איז דער אַלטער אמת, אַז „דער כח איז נאָר אין אחדות“, געוואָרען דער גרונד־פּרינציפּ פון זייער גאַנצער ווייטעריגער אַרבייט אין דיזער ריכטונג. אומעטום האָבען זיך אָנגעהויבען צו פערשפרייטען קליינע הברות פון אַרבייטער און אָווען׳ס אָנהענגער; די מיטגליעדער פלעגען אַריינטראָגען יעדע וואָך צו עטליכע קאָפּייקען און די אויפגעקליבענע סומען פלעגען ווערען אָבגעשיקט אין לאָנדאָנער אַסאָציאַציע פון „צענטראַלען קאָאָפּעראַטיווען פאָנד“, וועלכער האָט זיך געשטעלט דעם צוועק איינצואָרדנען זעלבסטשטענדיגע לאַנדווירטשאַפטליכע און אינדוסטריעלע קאָלאָניעס.

צו ענדע יאָהר 1829 האָבען שוין אין ענגלאַנד עקזיסטירט 133 קאָאָפּעראַטיווע הברות, און אין יאָהר 1830 — ביז 300; דאָס רוב איז געווען פונ׳ם טיפּ קאָנסום־פעראיינען. די קאָאָפּעראַטיווע שותּפים פון דער אונטערנעהמונג האָבען ניט בעקומען קיין דיווידענדום, ווי עס איז איינגעפיהרט אין די היינטיגע געברויך־הברות, ווייל דער פערדיענסט, ד. ה. דער דיווידענדום, איז געגאַנגען אויף צו פערווירקליכען דאָס ענדע־ציעל פון דער אַסאָציאַציע — צו גרינדען אַ אייגענע בעטריעבס־אונטערנעהמונג, פון וועלכער אַלע מיטגליעדער זאָלען קענען גלייך לעבען, זיין פערזיכערט מיט דער עקזיסטענץ און ניט דאַרפען אַרבייטען ביי יענעם. פיעל מיטגליעדער

האבען אבער קיין געדולד ניט געהאט צו ווארטען אויף דער צייט, ווען מען וועט אימשטאנד זיין, דורך דעם אנגעקליבענעם קאפי־טאל, צו פערווירקליכען די אידעע. די באלדיגע ניצען, וואס מען האט בעקומען פון די ארטען אסאציאציעס, איז פאר א סך אויס־געקומען צו ווייניג, און די ערשטע קאאפעראטיווע בעוועגונג, וואס האט ערדרייכט איהר גרעסטע שטופע אין יאהר 1832 — ווען די צאהל פון אזעלכע הברות האט דערגרייכט ביז 700 — האט אנ־געהויבען ביסלעכווייז שוואך צו ווערען. דער גרעסטער טייל הברות איז אין עטליכע יאהר ארום בטל געווארען. די הויפט־סבה דער־פון ליעגט אין דעם, וואס די ארבייטער זענען דערצו געווען ווייניג צוגעגרייט, ווייל די אידעע פון קאאפעראציע איז צו זיי געקומען פון אויסען; זיי זענען געווען שטארק דערדריקט, צופיעל זיך פער־לאזט אויף זייטיגע הילף, נאך ניט געוואהנט געווען צו זיין פער־איינגט, זיך צו שטיצען אויף די אייגענע קרעפטען און אליין צו בעשיצען זייערע אינטערעסען. זיי איז פארגעקומען דורכצוגעהן נאך עטליכע יאהר די שווערע שוהלע פון ארימקייט, אונרוהען פון אר־בייטער־פעראיינען און טשארטיסטישע בונטען, איידער די קאאפע־ראטיווע בעוועגונג איז אריין אין א נייע פאזע פון איהר ענטוויקלונג.

אין אנהויב פון די 40־טע יאהרען האט א הברה וועבער אין ראטשדעל, ווי מען רופט זיי — ראטשדעלער פיאנערען — בעשעפטיגענדיג זיך מיט די פריהערדיגע פראקטיקע פון זייערע הברים, איינגעארדענט א געבראויך־הברה מיט א קאפיטאל פון 280,000 ר., וועלכער איז אין א משך פון 15 יאהר אויסגעוואקסען, דורך צו־געקומענע פרישע מיטגליעדער און פערדיענסט פון דער אונטער־נעהמונג, ביז 1,200,000 רובל, און זיי האבען געלעגט דעם יסוד צו א נייער בעוועגונג, וועלכע האט ארומגעהאפט נאכהער גאנץ איראפא. דער יעהרליכער אומזאץ פון די קאאפעראטיווע געזעל־שאפטען האט דערגרייכט אין די 80־ער יאהרען אין איין ענג־לאנד ביז 250 מיליאן רובל. מיר קענען זיך דא ניט פערברייטערען איבער דער געשיכטע פון די קאאפעראטיווע הברות און זייער ווייטערע ענטוויקלונג, מיר ווילען דא נאר פערצייכנען דעם פאקט, אז אווען האט געלעגט דעם יסוד דערצו.

ראבערט אווען האט שוין באלד אין אנהויב פון זיין געזעלשאפטליכע ארבייט, אויף קיין פאל ניט געקענט זיך בערוהיגען

מיט'ן געדאנק, דאס צוזאמען מיט'ן גרויסען רייכטום אין ענגלאנד, וועלכעס האט זיך קאנצענטרירט אין ווענינע הענד, איז דער גרעס־טער טייל בעפעלקערונג געבליבען אהן ארבייט און אין אזא שלעכ־טען צושטאנד, וואס שמעקט מיט הונגער־טויט. איהם האט קיינ־מאל ניט אפגעלאזט דער געדאנק — ווי צו פערנעהמען די לייי־דיגע הענד, ווי אנצווענדיגען די הונגעריגע מיילער? אין א משך פון 60 יאהר, אנהויבענדיג פון יאהר 1817, האט ענגלאנד איבערגעלעבט מעהר ווי 30 קריזיסען, וועלכע האבען זיך אפגערופען מיט שרעק־ליכע אונגליקען אויף דער ארבייטער־בעפעלקערונג, און אפילו שוין אין די בעסערע יאהרען האבען נאך אויך ניט אלע געהאט ארבייט; דעריבער האט אָווען זיך אפט געפרעגט די קשיא — אויב אר־בייט בעשאפט רייכטום, טא פארוואס זשע דארף דער גרעסטער טייל ארבייטער פון לאנד הונגערען אין געצוואונגענעם לעדיג־געהן? די פיהרער פון דער מלוכה האבען איהם אויף דיזער קשיא קיין תירוץ ניט געגעבען, די עקאנאמיסטען האבען אויך קיין ריכטיגען ענטפער ניט געהאט און אָווען איז געווען איבערצייגט אין די נויטיגקייט פון א סאציאלען מיטעל, וואס זאל געבען א ריכטיגע רפואה צו דער געזעלשאפטליכער קראנקהייט, און ער האט גע־זוכט דאס דאזיגע מיטעל.

אָווען'ס פלאן, צו גרינדען א באנק פאר ארבייטס־אויס־טויש, האט געהאט הויפטזעכליך דעם צוועק צו געבען ארבייט די ארבייטסלאזע. אין זיין יסוד איז געלעגט געווארען דער פרינציפ, אז ארבייט איז די מאס פון דער ווערטה און די קוועלע פון רייכ־טום. ער האט גערעכענט איינצואָרדנען א צענטראל־ביורא, וואו יע־דער ארבייטער זאל בעקומען פאר דעם פראדוקט פון זיין ארבייט זיין ווערטה אין אזעלכע קרעדיט־צייכענס, וועלכע זאלען בעצייכנען זיין פרייז ניט אין געלד, נאר אין ארבייטס־שטונדען, און וויפיעל ארבייטס־שטונדען דער ארבייטער האט פערבראכט אויפ'ן פראדוקט, אזא קרעדיט־צייכען וועט ער בעקומען. פאר אלץ ווידער, וואס מען קויפט, זאל מען בעצאהלען מיט די צייכענס אדער באנק־נאטען, און פאר א מאס פון אויסטויש איז אנגענומען געווארען אַן ארבייטס־שעה פאר 20 קאפ., וועלכע האט אויף אזא ארט פערטרעטען די איצטיגע מטבעות. אזוי, למשל, דער שוסטער גיט איבער צו'ם אויסטויש א פאר שיך, וואס זייער מאטעריאל האט

איהם געקאָסט, לאָמיר אָננעהמען, 1 רובל מיט 40 קאָפּ. און פאַר 7 אויף דעם פערבראַכטע אַרבייטס־שטונדען צו 20 ק. אויך 1,40, און ער בעקומט פאַר די פאָר שיך 14 באַנקנאָט־שטונדען, וועלכע טרעפען אָן די סומע פון 2,80. פאַר די באַנקנאָטען האָט ער געקאָנט קויפען מאַטעריאַל אויף ווייטער צו אַרבייטען און נויטיגע לעבענס־פּראָדוקטען פאַר זיך מיט זיין פאַמיליע. אין דער צייט, ווען דער שוסטער האָט זיך פערנומען מיט זיין אַרבייט, האָבען אַנדערע אַרבייטער צוגעגרייט פאַר איהם אַנדערע זאַכען, בעקומען פאַר זיי די געוויסע צאָהל שטונדען־צייכענס און אויף אַזאַ אופן האָבען זיי בעקומען די דורך איהם אויסגעאַרבייטע שיך. די דאָזיגע איינריכטונג האָט בעדאַרפט אַרומנעהמען אַלע צווייגען פון דער אינדוסטריע און מלאכות, מיט איין וואָרט — אַלע געגענשטאַנדען, וואָס זענען נויטיג פאַר'ן מענשען; יעדער אַרבייטער וואָלט פאַר בעוואוסטע פּראָדוקטען פון זיין אַרבייט גלייך בעקומען אַלע נויטיגע זאַכען צו'ם לעבען, און די ציפער פון פּרייז זאָל זיין ניט געלד, נאָר אַרבייטס־שטונדען. ביי אַזאַ סיסטעם וואָלטען אַלע געהאַט אַרבייט, איבערטוישענדיג צווישען זיך זייערע אויסגעאַרבייטע פּראָדוקטען; יעדער פון זיי, קענענדיג אַ וועלכע ס'איז אַרבייט אָדער מלאכה, וואָלט שוין געפונען צו וואָס צוצולעגען זיין אַרבייט און קענטניס און, על כל פנים, געווען בעזאָרגט מיט די נויטיגסטע פּראָדוקטען פון לעבען. די שאַפענדע קראַפט פון אַרבייטס־הענד וואָלט ניט געגאַנגען פערלאָרען אומזיסט, און די אַרבייטער וואָלטען אַליין בעשאַפען צווישען זיך דעם מאַרק און די נאַכפראַגע אויף געוויסע געגענשטאַנדען, וואָס, ווען די נאַכפראַגע פערפעהלט, רופט זיך עס, ביי דעם איציגען עקזיסטירענדען סיסטעם, אַזוי שלעכט אָב אויף דער לאַגע פון די אַרבייטער. ביי דער נייער אָרדנונג וואָלט אַרבייט זיך געטוישט גלייך אויף אַרבייט, און כל זמן די מענשען וואָלטען געקאָנט אויסאַרבייטען דאָס, וואָס זיי דאַרפען אַלע אויף זייער געברויך, וואָלטען זיי ניט געוואוסט פון ליידען נויט. — אָט דאָס איז דער אינהאַלט פון אָווען'ס אידעען, וואָס ער האָט געלעגט אין יסוד פון זיין באַנק פאַר אַרבייטס־אויסטויש.

ביי'ם דורכפיהרען דעם פּלאַן זענען פאָרגעשטאַנען גרויסע שוועריגקייטען, מען האָט געדאַרפט דערצו האָבען אַ גרויסען קאַפּיטאַל און געוויס אויך מעהר פּראַקטיקע, ווי די, וואָס עס האָבען

געהאַט זײַנע ערשטע דורכפיהרער. איבערהויפּט איז שווער געווען די ערשטע צײַט, ווען דאָרט זענען נאָך ניט אויסגעאַרבייט געוואָרען אַלע נויטיגע פּראָדוקטען און מען האָט נאָך געמוזט אָנקומען מיט די באַנקנאָטען צו קויפען בײַ די אַרומיגע קרעמער, וועלכע האָבען דערמיט געמאַכט ספּעקולאַציעס. געוועהנליך, אַ סך פּראָדוקטען פון די, וועלכע זענען צוגעשטעלט געוואָרען אין אַלגעמיינעם מאַגאַזין צו'ם אויסטויש, האָבען געקאָנט אויפ'ן פאַבריקס-אויפן געמאַכט ווערען ביליגער, ווי דאָ ביים עקזיסטירענדען סיסטעם פון הויז-אַרבייט; נאָר מען דאַרף ניט פערגעסען, אַז די איינריכטונג האָט געהאַט אין זינען בלויז די מענשען, וועלכע האָבען זיך גענויטיגט אין אַרבייט, אַרויסרופענדיג צו אַרבייט די קרעפטען, וועלכע וואָלטען אַזוי פערלאָרען געגאַנגען אומזיסט. די מענשען האָבען דאָ ניט געאַרבייט פאַר די קאָנקורירענדע מערק, נאָר צו בעפריעדיגען זייערע אייגענע נויטיגע געברויכען, און וואָלטען געווען געבליבען אָהן אַרבייט, ווען עס עקזיסטירט נישט דאָס אויסטויש-מיטעל, וועלכעס האָט געזאָלט פעראייניגען די נוצען פון פּראָדוצענט און געברויכער. ווען ראָבערט אָווען וואָלט געהאַט גענוג געלד-מיטלען, וואָלט איהם, אַ דאַנק זײַן אונגעוועהנליכע טהעטיגע פעהיגקייטען, געוויס געלונגען אויסצופיהרען אויך דעם ערשטען פערזוך זיינעם פון אַרבייטס-אויסטויש, וועלכער איז אַ גרונד-לאַגע פון די נײַע עקאָנאָמישע טעאָריען.

אָווען האָט זיך געסטאַרעט איינצוהאַלטען די אונגעדולדיגקייט פון זײַנע הברים, וועלכע האָבען זיך געאײַלט צו עפענען די אונטערנעהמונג, נאָך איידער אַלע מיטלען זענען געווען צוגעגרייט; ווי ווייט ער האָט נאָר געקאָנט, האָט ער זיי אײַנגערעדט צו וואַרטען, ער האָט אָבער סוף כל סוף געמוזט זיי נאָכגעבען. דער צענטראַל-מאַגאַזין פון אַרבייט-אויסטויש האָט זיך געעפענט אין אַ גרויסער דירה, וואָס דער בעל-הבית האָט אָבגעלאָזען די גרינדער אָהן שכירות, נאָר ווען דער אייגענטימער פון דער דירה האָט דערזעהן, אַז די אונטערנעהמונג געהט גוט און אַז דער אומזאַץ פון סקלאַד דערגרייכט ביז 10,000 רובל אַ וואָך, האָט ער אָנגעהויבען צו מאָנען דירה-געלד און דוקא נאָך אַ גרויסען פּרייז, און אַז זיי זענען ניט מרוצה געוואָרען דערויף, האָט ער זיך גאַנץ רוהיג זיי אַרויסגעוואָרפען אויף די גאַס. אין דער צײַט, ווען די

אונטערנעהמונג האָט שוין אָנגעהויבען, נאָך די ערשטע שטערונגען, צו שטעלען זיך אויף די פיס און איז געוואָרען בעוואוסט צווישען די אַרבייטער, איז איהר פונקט אויסגעקומען איבערצוציהען זיך אין אַנ'אַנדער, ניט בעקוועמע דירה, אין דעם ווייטערען טייל שטאָדט. אַזאַ אונערוואַרטע איבערדרעהעניש האָט געפאָדערט נייע ניט פאָראויסגעזעהענע הוצאות. דערצו נאָך, צוליעב קליינע געלד־מיטלען, איז שוואַך געווען אָרגאַניזירט די אָבטיילונג פון צושטעלען שפייז־פראָדוקטען און רויהע מאַטעריאַלען, אַזוי, אַז מען האָט געמוזט אַריין אין פערבינדונגען מיט פערשידענע הענדלער, וועלכע האָבען, געוועהנליך, אין זינען געהאַט בלויז זייער אייגענעם פערדיענסט. דאָס האָט אָנגעמאַכט אַ צומישונג אין דער נייער זאַך, און די באַנק פאַר אַרבייט־אויסטויש, וועלכע איז געגרינדעט געוואָרען אין יאָהר 1832, האָט, צוליעב די שלעכטע בעדינגונגען און איבערהויפט — צוליעב אַ ווייניגען אומזאַץ־קאַפּיטאַל, געמוזט זיך פערמאַכען אין יאָהר 1834.

דאָס האָט איהם, פונדעסטוועגען, נישט אַראָבגעשלאָגען פון מוטה און ער האָט ווייטער מיט גרויס ענערגיע געאַרבייט מיט פערשידענע מיטלען לטובת הכלל.

* * *

אין יאָהר 1836 איז אַרויסגעגאַנגען זיין ווערק: „דאָס בוך פון דער נייער מאָראַלישער וועלט", וואו ער ערקלערט ברייט זיין גרונד־אידעע, אַז „אַלע מענשען זענען ביי'ם געבוירען גלייך, נאָר שפעטער ווערען די געפיהלען און בעגריפען פון יעדען מענשען אויפגעלעגט אונטער די ווירקונגען פון די איינדרוקען, וואָס די אַרומיגע בעדינגונגען מאַכען אויף זיין אָרגאַניזם. דער ווילען פון מענשען ווערט אויפגעלעגט אונטער די ווירקונגען פון זיינע געפיהלען און בעגריפען; אויף אַזאַ אופן בילדעט זיך אין איהם אויס זיין האַראַקטער, ווי אין פיזישער, אַזוי אין גייסטיגער, ווי אויך אין דער זיטליכער בעציהונג אָהן די ווירקונג פון זיין אייגענעם רצון ביי דעם". און די מיינונג, אַז מענשען אונטערשיידען זיך איינער פון אַנדערן דורך דעם געבוירען ווערען מיט אַנדערע נאַטורען, האָט, נאָך אָווענ'ען, געפיהרט צו אַלע צרות פון דער

הײַנטיגער געזעלשאַפט, אַלזאָ, „ווען מען וועט אָט דעם טעות צער=
קלערען, רעכענט ער, וועט מען קענען אײַנפיהרען די נײַע מאָ=
ראַלישע וועלט, וואו דער גײַסט פון מהלוקת, קנאָה, עגאָ=
איזם און שנאָה, וואָס בעשאַפט די אַלע צרות, פון וועלכע די
מענשהײַט לײַדעט, וועט אומגעביטען ווערען אויף אַלגעמײנעם פריע=
דען און ברידערשאַפט; אָרימקײַט און איהר בעגלײטער — פער=
ברעכען וועלען פערשווינדען; יעדער וועט זיך אַלײן בענוצען מיט
דעם פראָדוקט פון זײַן אַרבײַט און אָנשטאָט דעם, וואָס די נײַע
ערפינדונגען און פערבעסערונגען אין דער טעכניק, וועלכע פער=
גרעסערען די פראָדוקטיוויטעט פון דער אַרבײַט, העלפען בײַ'ם איצ=
טיגען סדר דערצו, אַז דער גאַנצער קאַפּיטאַל זאָל זיך קאָנצענ=
טרירען אין די הענד פון אײניגע מענשען, וועלען, אין דער נײַער
מאָראַלישער וועלט, אַלע וויסענשאַפטליכע ענטדעקונגען זײַן דאָס
אײגענטום פון אַלעמען, ניט בלויז פון מיעוט, און מיט דעם גוטס,
וואָס מען בעקומט פון זײ, וועט זיך בענוצען די גאַנצע מענשהײַט".
„די פאַקטען און נאַטור-געזעצען — זאָגט ער ווײַטער צווי=
שען אַנדערעס אין זײַן בוך, — וואָס זענען געלעגט אין דעם יסוד
פון דער דאָזיגער לעהרע, בעווײַזען בעשטימט, אַז יעדער גײַסטי=
גער אָדער זיטליכער בעגריף, ווי אויך אַלע פיזישע געפיהלען, שטאַ=
מען פון די אינסטינקטען פון מענשענס נאַטור, וועלכע זענען אײ=
גענטליך דאָס, וואָס מיר רופען „בהירה". פון דעם קומט אַרויס
די אונאָרדנונג, וואָס הערשט אין אונזערע מאָראַלישע בעגריפען,
וועלכע זענען געגרינדעט אויף דער פאַלשער מײנונג, וואָס מישט
אוים די אינסטינקטען מיט דער בהירה, מיט'ן פרײַען ווילען, דאַן ווען
דער לעצטער איז ניט מעהר, ווי אַ רעזולטאַט פון זײערע מעשים,
וועלכע זענען אײגענטליך אויך ניט מעהר, ווי פאָלגען פון די אַרו=
מיגע בעדינגונגען, וואָס האָבען געווירקט, אַז די אינסטינקטען זאָ=
לען זיך אַזוי ענטוויקלען".
„נאָר די ניט-בעקאַנטשאַפט מיט דעם דאָזיגען גרויסען אֱמת
(אַז מענשען קענען זײַן גוט, קענען ליעבען אײנער דעם צווײטען,
ווען די בעדינגונגען ווירקען נאָר ניט אויף זײ פערקעהרט) שטערט
דעם מענשען איבערצוגעהן פון דעם אַלטען נאַרישען לעבען, וועל=
כעם איז פול דורכגענומען מיט צרות און עגמת נפש, צו אַ לע=
בען פול מיט גליק און צופריעדענהײַט. וויסענדע מענשען ווײסען

אז אלץ, וואס איז נויטיג צו דער עקזיסטענץ און גליק פון דער גאנצער בעפעלקערונג פון דער וועלט, עקזיסטירט אין דער נאטור נאך מיט א גרויסען עודף, און דער איינבעגרענצטער אין מענשען פערבעהאלטענער כח פון ארבייט און קונסט, ווען עס איז נאר אויף א גוטען אופן אנגעווענדעט, איז אימשטאנד צו פערווענדען אט די מאטעריאלען און די ווערטהסטע פראדוקטען אין אזא איבערפלוס, אז מען דארף זיך גאר ניט ארומרייסען, כדי צו בעקומען די פראדוקטען".

„ווען מיר וועלען בעטראכטען, אז די מענשליכע נאטור, נעהמענדיג זי אינגאנצען, בעשטעהט אין א געמישונג פון בעוואוסטע פעהיגקייטען, נייגונגען און כחות, וואס א טייל פון זיי ווערט די אייגענשאפט פון יעדען מענשען בעזונדער, וואס א דאנק דעם קומט ארויס א פערשיעדענהייט אין האראקטערען און העלפט דערמיט צו פערגרעסערען דאס גליק פון יעדען, — וועלען מיר בעוואונדערען די הארמאניע דערפון, איבערהויפט, ווען מיר וועלען פערשטעהן, אז א דאנק אזא ארדנונג איז פערזיכערט דער פראגרעס פון דער מענשהייט צו אלעמענס גליק... א דאנק אזא אונענדליכער פערשיעדענהייט אין די וועניגע גרונד־עלעמענטען פון מענשענס נאטור, קומט ארויס א שטענדיגע, אהן א סוף וואקסענדע שאפענדע קראפט. יעדעס קינד, בעקומענדיג ביי'ם געבורט א נייע צונויפבינדונג פון די פעהיגקייטען און אייגענשאפטען, ברענגט מיט זיך אריין, ביי א פערנונפטע ענטוויקלונג, נייע קרעפטען אויף צו ענטדעקען אדער ערפינדען עפעס א נייעס, אדער צו פערפאלקאמען דאס פריהער עקזיסטירענדע, און אויף אזא אופן מיטצוהעלפען צו פערגרעסערען דאס אלגעמיינע גליק".

פון יאהר 1835 טוישט ראבערט אווען איבער זיין אוידיטאריע. אין לאנדאן האט ער שוין געהאט וועניג שטיצע און דער צענטער פון זיין ארבייט און פון דער נייער בעוועגונג איז איצט געווען מאנטשעסטער. די נייע בעוועגונג האט זיך איצט געשטיצט הויפטזעכליך אויף די ארבייטער זעלבסט. זיי האבען אריינגעבראכט וועניג געלד און איינפלוס, אבער דערפאר האבען זיי זיך אויסגעצייכענט מיט אן אמת'ער איבערגעבונג צו דער בעוועגונג און ארקע ענערגיע, וועלכע האט געפעהלט ביי זיינע פריהערדיגע שטיצער, ווייל די ארבייטער האבען אליין געליטען און אליין

אויף יעדען טריט געזעהן די בּיטערע פאָלגען פון דעם סיסטעם, בּיי וועלכען מיליאָנען אַרבּייטער־הענד, ניט קענענדיג געפינען קיין אַרבּייט, האָבּען געמוזט פערפאַלען ווערען אין אָרימקייט און אַראָבּ־פאַלען נידעריג מאָראַליש, און מאַנטשעסטער, וואָס איז געשטאַנען אין דער שפּיץ פון די ענגלישע פאַבּריקס־שטעדט מיט איהר גרויסער אַרבּייטער־בּעפעלקערונג, איז געווען דער צענטר פון אָווען׳ס נייער טהעטיגקייט.

אין יאָהר 1836 איז פאָרגעקומען אין לאָנדאָן דער ערשטער קאָנגרעס פון אָווען׳ס געגרינדעטען „פערבּאַנד פון אַלע קלאַסען און נאַציאָנען“, וועלכער האָט אָנגענומען די אידעען פון בּוך „די נייע מאָראַלישע וועלט“. דער קלינגענדער נאָמען פון דער חברה האָט בּעדייטעט בּלויז, אַז זי נעהמט אַריין אַלע מענשען אָהן אונ־טערשיעד פון נאַציאָן און קלאַס. אין אַלע גרויסע שטעדט פון ענגלאַנד און אַפילו אין אויסלאַנד האָבּען זיך געבּילדעט פיליעס פון דער חברה. אין 1836 האָט ראָבּערט אָווען, וועלכער איז שוין דאַן אַלט געווען 66 יאָהר, אָנגעהויבּען צו האַלטען אַ גאַנצע רייהע פאָרלעזונגען, ניט בּלויז אין מאַנטשעסטער, נאָר אין דעם גאַנצען פאַבּריקס־ראַיאָן, פון לאָנדאָן בּיז די מערב׳דיגע גראַפשאַפט פון שאָט־לאַנד, און צוגעצויגען אויף זיינע פאָרלעזונגען טויזענדער מאַסען אַרבּייטער.

הגם אָווען און זיינע אָנהענגער האָבּען פּרינציפּעל ניט גע־קלערט דורכצופיהרען די סאָציאַלע רעפאָרמען מיט געוואַלד, פונ־דעסטוועגען האָבּען די בּורזשואַזע פּאַרטייען זיי שטאַרק גע׳רודפ׳ט; זיי האָבּען אויך פיעל געליטען פון די קלעריקאַלען. די בּורזשו־אַזע צייטונגען, מיט זייער בּהשוב׳דיגען „טהיימס“ אין דער שפּיץ, האָבּען פערשפּרייט כל הליגענס און רכילות אויף אָווענ׳ען. די אָנפיהרער פון אַ פּאַרטיי, אונטערשטיצט פון די פאַבּריקאַנטען, וועלכע האָט געהאַט דעם איינעם צוועק צו רודפ׳ן אָווענ׳ען מיט זיינע אָנהענגער, זענען געווען איינער בּרינדל און דער עפּיסקופּ פילפּאָט. זיי האָבּען אָנגערייצט דעם ווילדען, פערגרעבּטען שטאָדט־פּעבּעל אויף די מענשען־פריינד, און בּריסטאָל איז דער 70־יעה־ריגער זקן שיער ניט גע׳הרג׳עט געוואָרען פון דער שטאָדטישע[r] מאַסע, וואָס איז בּעשטאַנען פון שטאָדטישע אויסוואורפען, [illegible] בּע בּרינדל מיט זיינע חברים האָבּען צונויפגעקליבּען בּיי

רען פון זאַל, וואו אָווען האָט געהאַלטען אַ פאָרלעזונג. דאָס לעבען פון זיינע נאָהענטסטע פריינד און מיטאַרבייטער, דזשאָנס און קעמבעל, איז נישט איינמאָל געשטאַנען אין געפאַהר; זיי האָבען נישט איינמאָל בעקומען געשלאָגען און דעם ערשטען האָט די צווילדעטע מאַסע שיער ניט אַריינגעוואָרפען אין טייך אַריין.

אין יאָהר 1844 איז ער ווידער, צום פינפטען מאָל, אַוועק נאָך אַמעריקאַ און פערבליבען דאָרט איניגע יאָהר. אין יאָהר 1849, קומענדיג צוריק נאָך ענגלאַנד, האָט ער אָבגעדרוקט זיין ווערק „רעוואָלוציע פון גייסט און פראַקטיק“. אין 1850 — „בריעף צום מענשליכען געשלעכט“. 1851 — „דער טאַגע־בוך פון ראָ-בערט אָווען“. 1853—6 — דעם „ראַציאָנאַליסטישער פיערטעל-יאַהר־בוך“. „דאָס נייע פאָטערלאַנד דעם מענשענס אויף דר'ערד“. „די צייטונג פון דער טויזענד־יעהריגער רעגירונג“. אין 1857 — זיין אויטאָביאָגראַפיע. אין יאָהר 1858 איז ער אַרויס מיט אַן'עפענט-ליכער רעדע, דאָס לעצטע מאָל אין לעבען, אויף דער פערזאַמ-לונג „אַסאָציאַציע פון געזעלשאַפטליכע וויסענשאַפטען“, וואָס איז איגענטליך געגרינדעט געוואָרען מיט'ן צוועק צו פאַלסיפיצירען די אמת'ע געזעלשאַפטליכע לעהרע, נאָר זיין גוטע נשמה האָט עס ניט געקאָנט זיך פאָרשטעלען און ער האָט גערעכענט, אַז זי ער-פילט ריכטיג דעם נאָמען, וועלכען זי טראָגט אויף זיך. די גע-זעלשאַפט האָט אָבגעהאַלטען אין ליווערפאָל איהר צווייטען יעה-ריגען קאָנגרעס. אומזיסט איז געווען די מיה פון זיינע פריינד אָב-צורעדען איהם פון דער רייזע. ער האָט געמאַכט די ווייטע רייזע פון לאָנדאָן נאָך ליווערפאָל. ער איז אַהין געקומען אַ גאַנצען אַ צובראָכענער און געמוזט זיך לעגען אין בעט; אויפ'ן צווייטען טאָג איז ער געקומען אַ ביסעל צו זיך. בעת'ן אָנטהון זיך, וואָס האָט געדויערט צוויי שטונדען, דאַהורך, ווייל ער האָט בשום אופן ניט געוואָלט, מען זאָל איהם העלפען און עס זאָל אויסקומען, אַז ער בענוצט זיך מיט פרעמדע בעדיענונג, האָט ער עטליכע מאָל גע-חלש'ט און דאָך דוקא געוואָלט זיין אויף דער פערזאַמלונג און מען האָט איהם געמוזט אַהין אַוועקטראָגען. זיין פריינד פון דער יוגענד בראָיהען, וועלכער איז מיט איהם געווען כמעט אין איין לטער, נאָר ניט געבליבען טריי דער אַרבייט פון פאָלק, אָדער יגער געזאָגט, ער איז קיינמאָל ניט געווען טריי, האָט איהם

אַרויפגעפיהרט אויף דער עסטאַדרע, וואו ענטציקטע קולות פון בייפאַל פון דער פערוואונדערטער און געגען איינענעם ווילען בעגייסטערטער פערזאַמלונג האָבען בעגעגענט דעם נביא פון אַ צוקונפטיגע בעסערע צייט, וועלכער האָט אין אַ משך פון צוויי דורות געפרעדיגט אין די פערשטאָפּטע אויערן פון די, וואָס האָבען די מאַכט אין האַנד, ישעיהו הנביא'ס ווערטער פון „וגר זאב עם כבש"...

אָווען האָט אָנגעהויבען צו רעדען; איהם האָט זיך געוואָלט ערקלערען דעם קאָנגרעס וועגען דעם, וואָס איז געווען די לעבענס־אויפגאַבע פון דעם קעמפּפער פאַר קאָלעקטיוויזם, וועגען דעם, אַז, אום עס זאָל פערשווינדען אָרימקייט אויף דר'ערד, איז נויטיג ביז'ן וואָרצעל אויסצורייסען די בעדינגונגען פון מענשענס לעבען און מיט אַ פערנונפטיגע ערציהונג אויסבילדען דעם האַראַקטער פון מענשען. נאָר פריהער, איידער ער האָט געענדיגט זיינע ווערטער, האָבען די כחות איהם פערלאָזען און דער קול האָט זיך אין מיטען איבערגעהאַקט. בראָיהען, וועלכער איז געווים צופריעדען געווען, וואָס די אמת'ע ווערטער, וועלכע קלינגען גאָר ניט אין דער פערזאַמלונג פון צבוע'קעס, זענען ניט געענדיגט געוואָרען, האָט געשווינד געענדיגט אָווען'ס פראַזע מיט אַ קאָמפּלימענט אויף דעם אַדרעס פון דער „אַסאָציאַציע פון געמיינשאַפטליכע וויסענשאַפטען" און אַוועקגעשיקט דעם פער'חלש'טען אָווען אין דער בעגלייטונג פון זיין געטרייען ריגרע, אין אַ גאַסטהויז. מעהר ווי אַ שטונדע איז ער געלעגען אין חלשות, נאַכהער איז ער געקומען צו זיך און געפרעגט, וועגען וואָס האָט ער גערעדט אויפ'ן קאָנגרעס; ווען מען האָט איהם איבערגעגעבען דעם אינהאַלט פון זיינע ווערטער, האָט ער אויסגערעדט: „גוט, דאָס האָב איך געוואָלט זאָגען" און ווייטער גע'חלש'ט. גאַנצע 14 טעג האָט ער געמוזט ליגען אין בעט. איין מאָל אין אַ פריה־מאָרגען הייסט ער פּלוצלונג ריגרע'ן איינפּאַקען זייערע זאַכען און צוגרייטען זיך צו דער רייזע. — „מיר דאַרפען פאָהרען" — „וואוהין, צוריק אין לאָנדאָן?" — „ניין! אין ניו־פאַרט", און קיין שום טענות האָבען ניט געהאָלפען. איהם האָט געצויגען אַהיים, דאָרט וואו ער איז געבוירען געוואָרען, די היים, וועלכע ער האָט שוין ניט געזעהן 50 יאָהר. וועגען דעם, ווי ער איז דאָרט אַרומגעגאַנגען אי...

הײַזער פֿון זײַנע אַלטע בעקאַנטע, געוואָלט זיך זעהען מיט זיי און בעקומען אַן'ענטפֿער פֿון די נײַע איינוואָהנער — „געשטאָרבען מיט 20, 30, 40 יאָהר צוריק". וועגען דעם, ווי שמועסענדיג מיט זײַנע בעקאַנטע, האָט ער זיי געזאָגט, אַז באַלד וועט זיעגען די נײַע גוטע וועלט איבער דער אַלטער; ווי זייענדיג שוין בײַם מלאך המות אין די הענד, האָט ער זיך נאָך געעצה'ט מיט די שטאָדטישע בעאַמטע וועגען סאַניטאַרע פֿערבעסערונגען און וועגען מיטלען צו פֿערניכטען די אָרעמקײַט פֿון דער געמיינדע. — וועגען דעם אַלעם קענען מיר בלויז דערמאַנען. עס איז געקומען דער טאָג, ווען ער האָט שוין מעהר ניט געקאָנט זיך אויפֿהעבען פֿון געלעגער. ווען דער אָרטיגער גלה, וועלכער האָט געוואָלט ווערען בעוואוסט מיט דעם מהזיר לתשובה זײַן אַזאַ כופֿר בעיקר, איז געקומען און געהייסען פֿאָרשטעלען דעם גוסס אַז ער איז געקומען זאָגען מיט איהם ודוי, האָט ער געענטפֿערט: „ניין, ניין!" דער צווייטער גייסטליכער איז אַליין אַרײַנגעקראָכען צום קראַנקען און געהאַט די העזה צו פֿרעגען דעם טהעטיגסטען פֿון די מענשענפֿריינדע: „האָט איהר ניט חרטה, וואָס איהר האָט פֿערבראַכט דאָס לעבען אויף אומפּראָדוקטיווע אַרבייט און פּלענער, וועלכע מען קען ניט אויספֿיהרען?" „ניין, ניין! מײַן העָר! איך האָב ניט פֿערבראַכט מײַן לעבען אומזיסט. איך האָב אָנגעזאָגט דער וועלט וויכטיגע וואַהרהײַטען און ווען די וועלט האָט זיי ניט אָנגענומען, איז נאָר דאַדורך, ווײַל זי האָט זיי נאָך ניט פֿערשטאַנען. איך בין געקומען פֿאַר דער צײַט".

דעם 17־טען נאָוועמבער 1858 דריי פֿירטעל אויף אַכט אין דער פֿריה איז אָווען געשטאָרבען. זײַנע לעצטע ווערטער — שרײַבט דער זוהן — וואָס ער האָט דײַטליך אַרויסגערעדט 20 מינוט פֿאַר'ן טוידט, זענען געווען: „די גאולה איז געקומען".

די גאולה איז געקומען! ניט אין רעליגיעזען זין האָט געמיינט מיט דעם אויסדריק דער פּרינציפּעל האַרטער געגנער פֿון רעליגיאָן; עס איז קיין ספק ניט, אַז דער געדאַנק, וואָס האָט איהם געפֿיהרט דאָס גאַנצע לעבען, האָט איהם ניט אַוועקגעלאָזען אויך פֿאַר'ן טוידט, און ווי אַ נביא האָט ער געקוקט אין די שפּעטערע צײַט, ...ען עס וועט אײַנפֿאַלען די פֿערדאָרבענע אונזיטליכע וועלט פֿון קלאַ־...האַמפּף און די בעפֿרײַטע מענשהײַט וועט מיט שמחה אַ גע־...ין: „די גאולה איז געקומען!"

דעם 21־טען נאָוועמבער איז געווען די לויה, אַנ׳איינפאַכע אָהן לוקסוס, ווי אָווען האָט פערלאַנגט; נאָך דער מטה זענען נאָכגע־גאַנגען דער עלטסטער זוהן, אַ סך פריינד און אָנהענגער, וועלכע זענען זיך צונויפגעקומען אַהער פון אַלע טיילען פון ענגלאַנד.

אַזוי האָט געלעבט און געשטאָרבען ראָבערט אָווען, דער פריינד פון פאָלק, דער פריינד פון דער מענשהייט.

PERTH AMBOY
ORGANIZED
1908
AUGUST 2nd
Radical Library